# תשורה



משמחת הבר מצוה

של

## הת' שמואל שי' גראסס

מוצש"ק פ' כי תבוא, ט"ז אלול ה'תש"ס

בס"ד.

# פתח דבר

לרגל שמחת הבר מצוה של בנינו שמואל שי', הננו מוציאים לאור **לראשונה** חוברת "ימי בראשית" *(מילואים)*, הכולל את המשך רשימת ה"יומן" שנכתב ע"י אביו-זקנו של חתן הבר מצוה, הרה"ח הרה"ת מו"ה אלי' ארי' לייב ע"ה גראסס, בחודש אלול ה'תשי"א וחודש תשרי ה'תשי"ב (המשך למה שנדפס בס' "ימי בראשית" (קה"ת, תשנ"ג) שכולל השנים ה'שי"ת-ניסן ה'תשי"א).

כותב ה"יומן" נמנה אז בין התלמידים החשובים של ישיבת "תומכי תמימים" – 770, וממקורבי בית חיינו, כך שמתוך זכרונותיו המרתקים מקבל הקורא תמונה מקיפה ממהלך הענינים בחצרות קדשינו (כולל ענינים פרטיים שזכו עיניו לראות ואזניו לשמוע במשרתו בקודש), הן אצל תלמידי התמימים וזקני החסידים, והן אצל אלה ממקורבים הראשונים לבית חיינו שזכה הכותב להתעסק איתם באופן מיוחד, ולקבל הוראות והדרכות מסויימות.

יצויין גם שגיל הכותב באותה תקופה הי' בחור בן עשרים שנה, כך שהסגנון והאופי וכו' הם בהתאם.

וזאת למודעי: יומן זה אינו מהווה תיעוד פרטי מכל האירועים של אותה תקופה (כמו בס' "ימי בראשית" שהיומן שולב ביחד עם עוד רשימות-יומן של כמה וכמה מתלמידי התמימים דאז), והוא רק מרשימותיו הפרטיות של הרר"א גראסס ממה שראה או שמע הוא בעצמו.

תודתינו נתונה להרה"ת ר' אליעזר יהושע שי' זאקליקובסקי על הכנת החוברת לדפוס, ועל אף ההשתדלות לשמור על הסגנון המקורי וכו', עברו הרשימות עריכה לשונית קלה, וניתוספו בהם סימני פיסוק וכו', בכדי להקל על הקורא.

ואנו תפילה שקריאת זכרונות אלו יפעול פעולתו לחיזוק ההתקשרות לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו, עדי נזכה זעהן זיך מיטן רבי'ן דא למטה, והוא יגאלנו.

בברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

**אברהם נחום ומשפ' גראסס**

מוצש"ק פ' תבא, ט"ז אלול ה'תש"ס,
ברוקלין, נ.י.

תמונת השער: חתן הבר מצוה מקבל "כוס של ברכה" מידן הק' של רבינו.

# חודש אלול ה׳תשי״א

**יום ה׳ פ׳ שופטים, ה׳ אלול ה׳תשי״א**

אתמול הגיע לארצוה״ב ר׳ זלמן דוכמאן מפאריז, ובלילה נכנס לכ״ק אדמו״ר שליט״א. ער איז אן אייניקל פון ר׳ מרדכי יואל, א משפיע פון חסידות אין האמליע, און א תלמיד פון ר׳ אייזיל האמליער, וועלכע איז געווען ביים מיטעלען רביין. ער געדיינקט פיל מעשיות, און דער רבי האט אים געבעטן פארשרייבן די מעשיות וואס ער געדיינקט. בשעת ר׳ זלמן איז אריין האט דער רבי שליט״א זיך אויפגעשטעלט, און געזאגט: ״אויב מען שטעלט זאך איין פירט מען אויס״! גם ר׳ שלמה זלמן העכט משיקאגא נכנס לכ״ק אד״ש.

לפני היחידות סיפר סיפורים מכ״ק אדמו״ר [מהוריי״צ נ״ע] און נאך. סיפר אז ער האט געטראפן א חסיד פון רביין מהר״ש וועלכער איז אריין צו אים בעטן אן עצה אין עסק, און האט געהאט צרות, און האט געדארפט געהן אין בית דין של המלוכה, האט ער געבעטן דעם רביין מהר״ש איהם אויסהערען און זיין טענות, ואמר, אויב דער שופט וועט דאס און דאס פרעגען וועט זיין גאר ביטער, אמר הרבי מהר״ש: ״דו ביסט א חסידישער יונגערמאן מיט א גוטע קאפ וואס ליגט אין העכערע ענינים, דער שופט איז א גראבע גוי וואס ליגט אין גשמיות׳דיקע תאוות און וועט דאס ניט פרעגען״, וכך הווה [ראה ״לשמע אוזן״ ע׳ עז-ח].

**ש״פ שופטים, ז׳ אלול ה׳תשי״א**

ב״ה דורך דעם רביניס ברכה האט מרים ביילע זיך רעגיסטרירט אין ״בית רבקה״. זי עסט דארט איהר מאלצייט, אויך אמי האט אין דער לעצטע וואך געפונען ארבעט אין ״ישיבה תורה ודעת״, איהר פארדינסט איז קליין, $124 א חודש אבער זי איז ב״ה צופרידען.

איך לערן אין ישיבה ב״ה יורה דעה און גמרא חולין, אין יו״ד האלט איך סימן כד. אין חולין – דף י״ז. אויך יעדער טאג כמעט דריי שעה פון 3:30-6:00 לערן איך מיט א קלאס ווי צו שטעלן א ״חלף״ ביי ר׳ אברהם גארדאן אין דער גרויסע בנין פון ישיבה, סיי עופות, דקות וגסות. מיין חבר אויך אין חסידות איז קלמן שוחט, ער איז אבער ניט ערנסט, און ניט א געפערליכע מתמיד.

נעכטן האב איך אוועקגעטראגן א מאמר לבית-הכנסת ״בית דוד גרשון״, ושם דיברתי עם הרב חייט, ונתן לי רשות לדבר ולפרסם את הדיבורים של כ״ק אדמו״ר שליט״א, והיום אחרי כל התפילות והעברת הסדרה שמו״ת, הלכתי לשלש סעודות לבית הכנסת ושם נט״י לשלוש סעודות וחזרתי את השיחה מן השיחה גופא למשך חצי שעה, ונתתי הסברה על הענינים הקשים, וכל השיחה אמרתי בקול רם בכדי שכל החדר חוץ מאלו שליד השולחן יכולים לשמוע. ראיתי כי רבים יודעים פסוקים מן דרשי חז״ל, חומש, ושאר המקומות אבל להבין במוחם א דקות׳דיקער ענין הם רחוק מאוד. מיין אידיש איז ניט א ריינער, איך האב געזען ווי זיי שמייכלען צו זיך אבער גארניט נתפעל געווארן, לפני השיחה האט דער שמש מיר פארגעזעצט אלס אן אייניקל פון משפחת אייזענבאך אין ארץ ישראל, אלע גרויסע לומדים, אחר השיחה נתנו לי הכבוד לברך ברהמ״ז עם מנין (לשלש סעודות הם אכלו Farmers cheese), דער רב איז ניט געווען. ראיתי אז עס האט גע׳פועל׳ט.

**ש"פ תצא,**
**י"ד אלול ה'תשי"א**

בשבוע העבר ביום ד' בא מענדל גרינבוים להיות פה עשרה ימים.

כשהיינו בישיבה פגש אותנו כ"ק אדמו"ר שליט"א ונתן להנ"ל "שלום עליכם" (אבל לא נתן יד קדשו), ושאל אותו: "ווי פילסטו"?

וענה: ב"ה.

כ"ק אד"ש: "ווי אזוי ביסט דו דא"?

וענה: זיי האבן מיר געלאזט געהן פאר צען טעג איידער זיי שיקען אונז צו דייטשלאנד.

ושאל כ"ק אד"ש: "דו האסט ניט געקענט אראנזשירן פאר די ימים נוראים"?

וענה: עס איז ניט אין מיינע הענט.

כ"ק אד"ש: "דו קוקסט אויס עפעס ניט גוט, דיין פנים איז איינגעזונקען" (און האט געוויזען אויף זיך), ועוד אמר הרבי שליט"א: "איך האב געטראכט אז ער (וצחק) שיקט דיר גוטע עסען" וענה: איך קען אבער ניט עסען אין צייט.

היום שבת אמר הרבי שליט"א את ההפטורה.

קידוש אחר התפילה, מארגן ביי נאכט האט זלמן דוכמאן'ס זוהן חתונה אין פאריז. צוויי פון זיינע פיהר קינדער זיינען איבערגעבליבן ביי איהם, און פון די צוויי איז ער ניט געווען ביי קיינעמ'ס חתונה, ער האט דערציילט אפאר סיפורים.

אין לענינגראד האט דער רבי [מהוריי"צ נ"ע] געזאגט: אז אויב איינער וואס גייט ניט אין מקוה א האלב יאר און קומט אריין אויף יחידות אדער שרייבט א בריוו וואס פון בריף איז קענטיג אז עס איז אהן מקוה וואלט ער ניט געשטאנען אין מיין ד' אמות, און איך דארף טאן אן ענין פון מקוה צום בריף.

ביי א פארברענגען וואו דער רבי האט גערעדט מורא'דיקע רייד האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: "איך בין א שליח דורכצופירן דעם רצון פון משלח, איך בעט ביים משלח ער זאל מיר ניט איבערגעבן אזעלכע שליחות'ן מער".

ר' יוחנן גארדאן אמר לר' זלמן, מיר זיינען חסידישע אידן וואס דארפט איר אזויפיל אריין מישן וועגן זיך, "איך געדענק" א"וו, בשעת מען דערציילט א סיפור דארף מען זיך לייגען אויף א זייט, ר' זלמן האט געדאווענט שחרית און מנחה אצל התיבה.

אצל השולחן אמר ר' יוחנן: אין ווארשא ווען דער רבי איז געווען, בין איך געגאנגען אין מקוה, דארט איז געווען מורא'דיק הייס כמנהג פולין און זעענדיק צוויי ליטוואקס קומען האבען די אידן אין מקוה געפאטשט מיט זייערע הענט פאר מער היץ, מען האט ממש נישט געקענט אריינגעהן, זיינען מיר געגאנגען אויף מסירת נפש, און טאקע געחאפט א קעלט פון היץ, ביים פארברענגען האב איך שוין ניט געקענט זיין, פארן אוועקפארען בין איך אריין צום רביין און געזאגט דער רבי די גאנצע מעשה, האט דער רבי געזאגט: "מסתם האסטו געהערט די רייד (ביי חזרה), דער אויבערשטער זאל העלפען אז דו זאלסט דערהערן די רייד", און מיט דעם ברכה בין איך אוועקגעפארען.

אחר מנחה אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א לר' זלמן דוכמאן:

"דער רבי'ס חתונה איז געווען יום י"ג אלול און דער רבי נ"ע י"ב אדער י"ג אלול, דער רבי דער שווער האט מען גערופען אין פריזיוו דער ערשטער טאג פון שבעת ימי המשתה, און ער

האט געקלאפט זיין פנים כדי אויסצוקוקען עלטער איז ער צוריק צו פארברענגען מיט א שווארצע פנים, דער רבי נ"ע [בכל הבא לקמן, עיין ג"כ "רשימות" חובי ח'] האט מען גערופען צו פריזיוו האט דער רבי מהר"ש געזאגט אז אפילו געהן רעגיסטרירען זאל מען ניט, און דער רבי מהר"ש האט געזאגט צו דער גובערנאטאר אז איך וועל סיי ווי סיי אויספירען נאר דער ברירה איז אין דאס וואס דו וועסט מיר פארשפארען געהן צו מאסקווע, און אויב איך וועל געהן וועסטו שוין קריגען דאס וואס עס קומט דיר, האט דער גובערנאטאר געוואלט ווייזען א קונץ און גערופען דער רבי נ"ע צו פריזיוו, איז דער רבי מהר"ש געפארען קיין מאסקווע און האט אויסגעפירט. ביים גובערנאטאר האט אנגעפאנגען דרייען אין זיך און אין א פאר טעג האט ער גע..." (דער רבי האט ניט אינגאנצען אויסגעפירט).

זלמן דוכמאן איז געווען זייער צופרידען אז צוליב אים האט דער רבי שליט"א זיך אפגעשטעלט און געזאגט דער מעשה, אבער יוחנן האט אים געזאגט ער זאל פארגעסן וועגן זיין "איד".

בלילה אחר מעריב איז יואל כהן ארויף צו מיר אין הויז פאר צוויי שעה דארט אביסל קופירט און געלייענט מיינע רשימות פון דעם ערשטען יאהר, און די פארברענגענס, מען האט שוין געגעבן כ"ק אדמו"ר שליט"א פארברענגענס און דער רבי שליט"א האט זיי מגיה געווען, מארגן וועלן זיי ווערן פארקויפט, הראתי לו Movies פון לוי' וגם בילדער, ואכל מלוה מלכה.

**יום א' פרשת תבא, ט"ו אלול ה'תשי"א**

דא"ח בבוקר, ואח"כ שחרית. אכלתי בביתי, אחר האכילה למדתי עם קלמן סימן כ"ד יורה דעה אבל לא גמרנו.

שמעתי היום כי בלילה הזה ומחר יהיו חתונות אבל כ"ק אדמו"ר שליט"א לא חפץ לילך, שמעתי מהת' ישראל זאבערמאן אז דער רבי שליט"א האט געזאגט שהוא ילך לחתונות רק בתנאים מיוחדים: ראשון - שהחתן יגדל זקן, שני - שהכלה ילבש שייטעל, ושלישי - דוקא תחת הרקיע.

**יום ג' פרשת תבא, י"ז אלול ה'תשי"א**

ביום למדתי ככל יום בישיבה בסדר, בלילה - דא"ח ומעריב עם כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בלילה הזה לילה של יחידות, ישב ר' שמואל להתוועד בשעה 10:30, גם ר' זלמן דוכמאן ור' בער חסקינד, יונגעלייט און תלמידים.

ר' שמואל התחיל, אז דער כוונה פון ישיבה איז א רוחניות'דיקע, דער מייסד איז געווען איש החסד און אוועקגעשטעלט דעם סדר אויף דער העכסטער אופן, אויך אין דער פרי 7:45 איז דער צייט פון דא"ח, אזוי איז למעלה, און אויב דער מקדש תחתון איז ניט ווי עס דארף זיין איז זייער ניט גוט, וואס איז גוט דער השכלה פון חסידות מיר זעהן וואס לערנען טוט אויף ביי מתנגדים מען קען בלייבען דער זעלבע טרוקענע שטיין ביי השכלה, ווען מיר זיינען געווען יונג האבען מיר אויך געהאט משפיעים, למשל דער רשב"ץ, מיר האבן זיך ניט אינטערעסירט אין זיין פריוואטען לעבן, אין זיין שטוב איז זיין פרוי געווען א... און זיין גאנצער לעבן האט ער געליטן פון איר און אזוי איז ער געווען א גבאי אין א שוהל, פון זיין פריוואטע לעבן האט מען געקענט אפלאכען, אבער מיר האבן ניט געקוקט אויף דעם, מיר האבן נאר גענומען... (ער פלעגט כסדר ריידען וועגן "יש מאין", "עילה ועלול").

ר' שמואל שי' אמר:

שמעתי הסיפור הזה מגרונם, דער טשערנאבלער זצ״ל האט אמאל געפרעגט ביים מגיד אויב ער זאל לערנען מיט דער מלאך, האט דער מלאך אים געפרעגט פון וואנען האסטו געוואוסט צו פרעגען (ווייל אין יענע זמנים האט מען ניט געפרעגט אלץ) ענה הטשערנאבלער ווען איך בין געווען יונג בין איך געבליבען א יתום פון מאמען, ואבי נשא אשה אחרת עם בנים והיא היי מרחקת אותי ונתנה לי אכילה אחר כולם וכדומה, פעם אחת לקחתי בלא רשות משלה געפרעגלטע אייער והיא כעסה עלי, ואמרה לי אז א גוטע זאך דארף מען אליין ניט נעמען.

אמר ר׳ שמואל איך האב געהערט דער זעלבער מעשה פון דער רבי און עס איז געווען אנדערש, אויך דער מוסר השכל איז געווען אנדערש, ער האט גענומען אן רשות זויערע מילך, פון גרונס׳ס אופן האט ער אויסגעפירט, אז מיר זעהן ווי ביי א צדיק איז אלץ פועל און וויכטיג, דאס וואס ער האט געבעטן בשעת יונגערהייט אז אליין דארף מען ניט נעמען א גוטער זאך, איז ביי אים געבליבען, ביי דער רבי האט דער רבי אויסגעפירט, אז דאס וואס ער האט גערעדט בשעת יונג איז געווען ספעציעל איהם ראטעווען מיט דער מאל פרעגען דער מגיד זצ״ל, דער ענין פון רבי בכה אויף רבי אלעזר בן דורדיא, ווען ר׳ אלעזר נתן ראשו בין רגליו, דאס איז א עיגול אין א מקיף איז דארט ניט נוגע, אבער אין וועלט איז א צדיק העכער, און דאס איז בזמן של גאולה וואס בגילוי אלקות בעולם וועט מען פילן ווי ווייט מען איז פון אלקות און דאס פילן צדיקים אויך אויף דער אופן, און דערפאר איז בכה רבי.

ר׳ בער חסקינד התחיל לספר סיפורי ניסים פון דער רבי [מהוריי״צ נ״ע] און רבי נ״ע:

עס האט געטראפען אז מען האט אים גערופען אין ארמיי, נכנס לכ״ק אדמו״ר נ״ע ואמר לו אז איך וויל א ברכה אויף ניט ארייגעהן, נתן כ״ק אדמו״ר ברכה אז מען זאל אים ניט אריינעמען, אמר לו רבי איך גיי ניט ארויס פון רבי׳ס חדר ביז וואנען ער זאגט מיר צו אז מען וועט מיר ניט נעמען, איך ווייס אז אייער פאטער (רבי מהר״ש) האט געגעבן אזעלכע ברכות, וענה כ״ק אדמו״ר נ״ע דער פאטער האט געקענט, אמר, רבי פאר מיר איז גענוג אויב איר זאגט מיר צו, האט דער רבי נ״ע זיך אנגעשפארט א ווילע אויף זיינע הענט און אויפגעהויבן זיין קאפ ואמר, דער אויבערשטער זאל העלפען אז מען זאל דיר ניט נעמען.

עס איז געקומען דער טאג פון געהן, זיין פרוי מיט זיינע קינדער האבן אים אפגעגלייט ביז דער טויער מיט געוויין, אינעווייניק שמע הקאמאנדאר רופען זלמן שלמה גורעוויץ, גייט ער צו און ער זאגט אים אהן טעמים ער איז באפרייט, ער האט ניט געוואוסט פשוט פארוואס, שלשה חדשים עברו און א מענטש פון א קליינע שטאט ניט ווייט פון וואו דער חסיד האט געוואוינט הלך לביתו ושאל אותו אויב ער איז זלמן גורעוויץ, ואמר כן, ואמר ער איז נאר געקומען זען אויב ער איז ארויס פון ארמיי, ווייל דער פריץ פון זיין שטאט האט געוואלט בויען עפעס נעבען זיין שטוב און איהם געוואלט באצאלען האט ער, דער איד, געבעטן אז געלט וויל ער ניט נאר אז א אידישער פאטער פון קליינע קינדער פון דער שטאט זאל מען באפרייען פון ארמיי, איז דאס געווען א פשוטע זאך פאר אים צו טאן, און האט דאס גלייך געטאן. א בעש״ט מעשה.

ועוד סיפר, פון זיינעם א קרוב, פאר ווען ער איז אריין צום רבין ווייל ער האט געדארפט האבען זייער א וויכטיגער אפעראציע און א גרויסע, האט דער רבי נ״ע, געזאגט אז מען דארף ניט אפערירען, איך בין געווען דאן א יענער מעשה בלשון של ר׳ בער און געפרעגט, וואס דען? ענה: זאל ער נעמען א הייסע באד, און אזוי איז געווען ביז ער איז געווען אינגאנצען געהיילט, זיין זוהן האט אים גענומען שפעטער צו א פראפעסאר א גוי און דער פראפעסאר האט געפרעגט אויב ער איז געווען אין דייטשלאנד צו דאקטורים ווייל ער איז אינגאנצען

געהיילט! אמר: ניין, ווי אזוי ביסטו געווארען בעסער? וענה, ווייל ער האט גענומען הייסע וואנעס, כעס עליו ואמר, דו מאכסטַ חוזק פון מיר? האט ער אים דערציילט די גאנצע מעשה, האט דער דאקטאר געזאגט אז מצד מעדעצין האלט דאס ניט אויס, און העכער פון טבע ווייס איך ניט.

דער רבי מהר"ש האט געהייסן איינער וואס האט געהאט קאפ קראנקייט צו וואשען זיין קאפ מיט הייסע וואסער, בשעת הסתלקותו האט דאס אויפגעהערט מרפא זיין, ביים רבי'ן נ"ע אמר לו צו נוצן קאלטע און ביים רבי'ן אמר צו מישן קאלטע מיט הייסע.

ר' שמואל האט אמאל געפרעגט ביים רבי'ן וואס וועט דער דור פון משיח צוגעבען עס איז שוין געווען דער דור פון נבואה און אלץ, ענה: אז בזמן של משיח וועט ווערן אז דאס וואס איז אין מוח זאהל ארונטער קומען אין לב.

ר' פסח מאלאסטאווקער איז געווען טויב אבער א מאמר פלעגט ער הערען, זיין אופן פון ריידען איז נקודות'דיק, ער איז געווארען קראנק אין קאפ צום עלטער, טעמים אויף דעם זיינען צוויי, איינס – ער איז געווען זיכער אז דער רבי דער צ"צ איז משיח מנחם, און דער הסתלקות האט אויף אים געווירקט, צווייטענס - צום קאפ האט דער צ"צ אים געגעבן טיי אלץ רפואה, ואחר הסתלקותו האט דאס אויפגעהערט צו פועל זיין.

מוצש"ק, שמעתי מר' שמואל אז בשעת דער רבי איז געפארען צו שיקאגא האט ער געפאסט א גאנצע טאג, ווי זיין שטייגער איז אלעמאל געווען אין א טאג פון פארען, דער משפחה האט מקפיד געווען, אבער דער רבי האט געוואלט, איז דאקטער ווילדער מיטגעפארען, דער רבי איז ניט געווען אזוי צופרידען (אן אמעריקאנער, אן פיל דרך ארץ, האט דער רבי אסאך געהא[ר]ט).

**יום ד' פ' תבא, ח"י אלול ה'תשי"א**

מענדל גרינבוים בא לאחר דא"ח ושחרית און מיר זיינען געגאנגען צום מקוה, צוריק אין ישיבה, און געפארן צום "אהלי", מיטגעבראכט די תלמידים פאריז, שוחט און קארף, געווען דארט פון 1:00 – 12:00, לא גמרתי את כל ה"מענה לשון", כ"ק אדמו"ר שליט"א לא בא עד 2:30.

Returned from cemetary with Rabbi J. Hecht, and we went to his home for cake and milk.

בלילה בא כ"ק אדמו"ר שליט"א מביתו בשעה 9:30, לפני זה שלשה מנינים התפללו מעריב, ובשעה 9:45 התחילה ההתוועדות.

עס הויבט זיך אן מיט לחיים, דער רבי שליט"א נעמט ערשט מזונות און עסט א כזית פון זיין אייגענער, ואחר כך אמר לחיים, דיבר ווי דער עיקר גדלות ליגט אין דער אראפברענגען בפועל דאס וואס דער אויבערשטער וויל, ווי דער בעש"ט איז געווען א באהעלפער, אז מען דארף פשוט ארומגעהן רעדען מיט מענטשן, ערשט ווייזען זיי אז מען איז מיט אלע מענטשן גלייך און שפעטער ריידען מיט זיי וועגן אלול, אפילו די יושבי אוהל אדער ישיבה בחורים וואס ווילען דאס ניט טאן, הביא ראי' אז עס ליגט אויף זיי א חיוב דאס צו טאהן, גם אמר אז די "מפתחות" פון דער וועלט ליגן אין די הענט פון "פרחי ישראל", די יוגענט, דערפאר האט דער רבי כסדר געמאכט חינוך.

כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר למענדל גרינבוים צו זאגן לחיים, אח"כ האט דער רבי שליט"א אריינגעגאסען אין א באטעל ווייסע ריינע משקה כמעט פוהל ½ Pint, דאס אוועקגעלייגט אויף א פאפירענעם טעלער מיט מאנדל ברויט און אים געגעבן, ואמר לו, אז ער זאל דאס

געבן זיינע חברים, (איך האב געוואלט נעמען אלץ חבר, אבל הרבי שליט״א ראה ואמר ״דיינע חברים״).

לר׳ אברהם גארדאן אמר: מען דארף משקה זיין דער בהמה איידער שעכטן, איהר האט פופצען בהמות (פון תלמידים) משקה צו זיין, און אויך אייער בהמה, די משפיעים דארפען זען אז דעות זרות זאלן ניט זיין ביי די תלמידים, די תלמידים דארפען היטן דער סדר פון דער ישיבה, טראכטען וויפל פארדינט דער משפחה בשעת זיין ישיבה – איז נישט נוגע, מען בעט נאר היטן דער זמן, מען דארף ארומגעהן אין די שוהלען, ריידען מיט אידען איבעראל וואו זיי קלייבען זאך צונויף וועגן אלול אין אידישקייט.

זאגן צו א איד - איהר דארפט מעורר זיין דער שטאט, איהר קענט גאנץ גוט לערנען - דארפט איר מאכען א מלוה מלכה און זאגען געשמאקע ווערטער וועגן תשובה, מען דארף אריינטאנצען אין דער נייע יאר, דער רבי האט דערציילט אז אמאל ווען די סליחות איז אויסגעפאלען ווי די טעג, האט מען פארבראכט א גאנצער נאכט און צו ״זכור ברית״ האט מען נישט געקענט שטיין אויף די פיס, איז יעצט געוויס וועט מען דארפען אריינטאנצען אין נייע יאר, און ח״י אלול איז דער צייט.

ניגנו ״ניע זשוריצע חלאפצי״ און דער רבי שליט״א האט זייער שטארק געטאנצט און געשפרונגען ווי אלע, געווען שווער פאר איהם שליט״א צו חאפען דעם אטעם בשעת ער האט זיך אוועקגעשטעלט, יעדער רייד האט ער אויסגעלאזט מיט א ברכה פאר א ״שנה טובה ומתוקה״ וכדומה, צו ר׳ אברהם העכט האט ער געבעטן פיל מאל נעמען לחיים.

**יום ה׳ פ׳ תבא, י״ט אלול ה׳תשי״א**

מעריב התפללתי במנין כ״ק אדמו״ר שליט״א. בערב בא מענדל גרינבוים ליכנס ל״יחידות״.

הוא שכח ללכת למקוה היום, האב איך אים איינגערעדט ווי וויכטיג א מקוה איז, און מירביידע זיינען געגאנגען צום ים ברייטען ביטש, עס איז געווען 11:15 און מיר האבן געטובליט אין ים, קומענדיק צוריק 11:30 האט ער פארלארן זיין ארט, אבער ער איז אריין 12:50, און איז געשטאנען דארט 15 מינוט.

יחידות איז געווען אזוי. רבי שליט״א: ״וואס הערט זיך גוטע נייעס״?

אמר: איך בין שוין פארטיג מיט מיין טריינינג און מען האט אונז געזאגט צו פארען קיין שטראסבורג, דייטשלאנד, מיין פאזיציע איז אלץ שליח Communications runner, איינער פון די סאלדאטען האט געהערט אז אפשר וועלן זיי מיר באפרייען.

אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: ״ווען דו וועסט זיין א גוטער סאלדאט און אפטאן דיין שליחות, וועט דער אויבערשטער דיר באפרייען״.

מענדל: אמאל האב איך ניט פיל צייט צו לערנען, און זייער שוואך, ווער איך אויך שוואך אין רוחניות, וואס קען איך טאן?

אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: ״צוויי זאכען, ווען דו פילסט שוואך, רעד מיט אנדערע אידישע סאלדאטען בנוגע אידישקייט וועט דאס דיר ממילא געבן שטארקייט, און אויך צווייטענס - זאג א קאפיטל תהלים יעדער טאג״.

מענדל: מיין שוועסטער געהט האבן א קינד, איהר ערשטער.

רבי שליט״א: ״וואס איז איר נאמען״? וכתב שמה וגם שמו על פאפיר.

מענדל: מיין שוועסטער זוכט א שידוך, ווי קען זי געפינען איינער א רעליגיעזער.

רבי שליט"א: "זי זאל געהן צו "יאנג איזראעל" און אנדערע ערטער, טרעפען זיך מיט מענטשן.

דער אויבערשטער זאל דיר העלפען און דיר געבן א כתיבה וחתימה טובה. דו וועסט זיין דא פאר סוכות"!

אמר: מסתם ניין, איך ווייס ניט.

וכ"ק אדמו"ר שליט"א שאל פעם שנית, (ער האט געהאט חרטה אז ער האט געענטפערט ניין).

[בצד הגליון כתוב (כנראה מדברי רבינו להנ"ל): ווען דו וועסט ארויסקומען זאלסטו זען נעמן די נעמען פון די סאלדאטען].

בשעה 2:30 AM הלך הרבי שליט"א מחדרו, האט אריינגעקוקט אין בית המדרש, עס איז געווען א מנין אידן, האט דער רבי שליט"א געזאגט: "אנשטאט אזוי שטיין - בעסער פארברענגען". יאסקע רייצעס מיט מענדל זיינען געגאנגען נאך מזונות און דוד רסקין האט שוין געהאט משקה, און מען האט פארבראכט, אלע האבן אנגעוואונטשען מענדל אז ער זאל קומען צוריק בשלום, און דער רבי'ס ברכה זאל אין איהם מקוים ווערען.

בשעה 4:00 איז מענדל און גלוקאווסקי וועלכער גייט צו Nashville, Tenn צו זלמן פויזנער צו זיין דער דירעקטאר פון ת"ת אוועק אהיים, געוואונטשען מענדל כוח"ט, שלום מאראזאוו, דוד ראסקין, יוסף רייצעס, אברהם מינץ, וא. ג. זיינען געווען דער גאנצער צייט, מאטל דובינסקי איז אריין אויף יחידות און איז אוועק פרי, אלע האבן גענומען פיהל משקה, שלום האט דערציילט מענדל דער אינהאלט פון דעם בריוו פון קונטרס ח"י אלול ה'תשי"א וואס איז יעצט ארויס, שפעטער האט שלום מאראזאוו אנגעפאנגען פיל ריידען אז מען דארף ניט זיין א גרויסער "שיי'ן", אז מען דארף זאגען אלץ מיט א פנימיות, אז מיר זאלען אלע זיין כלים אויף מקבל זיין דער רבי'ס ברכות.

דער רבי שליט"א האט אים געזאגט צו היטען זמן, לערנען טאקע שפעט, אבער היטען זמן, און קומען צו א החלטה ביים פארברענגען, ער האט פיל געטרונקען, ער האט גערעדט אז אלע דארפען טראגען בערד, געטאנצט, יאסקע, דוד און איך זיינען ניט געווען פיהל שיכור נאר מינץ און שלום זיינען געווען, מינץ האט מיט מיר געטאנצט, ואמר, ראש השנה איז נעקסטער וואך, מיט א זיפץ, דאס איז עפעס גוטס וואס משקה טוט אויף. אוועק אהיים 6:20, עס איז שוין געווען ליכטיג.

**ש"פ תבא,**
**כ"א אלול ה'תשי"א**

שחרית ומוסף עם כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בלילה הזה אמרנו סליחות ראשונה, והתחלנו 1:05. כ"ק אדמו"ר שליט"א עמד במקום עמידתו בחול, ולקח עמו ספר סליחות גדול ודק (yellow pages), וגם סידור "תורה אור" שלו, ופתחו בדף של סדר סליחות, גמרנו הסליחות בשעה 1:50, שמואל זאלמאנאוו התפלל לפני התיבה וגם היום הי' לו יארצייט.

. . . There was a large crowd in the bais hamedrash at the time of slichos, also women, some went into the Rebbe Shlita afterwords for Yechidus.

**יום א׳ פ׳ נצבים,**
**כ״ב אלול ה׳תשי״א**

בלילה בתפילת מעריב אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א קדיש אחר התפילה (שמעתי שהוא אחר סבא או באבע). הסדר בימים האלו - סליחות בבקר בשעה 7:00, ובלילה לומדים דא״ח עד 9:00.

**יום ב׳ פ׳ נצבים,**
**כ״ג אלול ה׳תשי״א**

כ״ק אדמו״ר שליט״א נשאר והי׳ בבית המדרש בשעת תפילת שחרית, ואמר זמן רב סליחות, וקדיש במקומות שצריכים, גם אחר העלי׳.

**יום ג׳ פ׳ נצבים,**
**כ״ד אלול ה׳תשי״א**

At 9:30 p.m. until 10:20 p.m. college students under the direction of Shlomo Carlbach met at the Yeshiva as a pre-arranged appointment to go into the Rebbe Shlita. A group of 40 students of a mixed crowd, half boys and half girls met at the Yeshiva.

At 10:20 they were allowed to go into the Rebbe Shlita. L. Groner hushed into my ear that a few of the students of the Yeshiva should also be permitted in and I was among them. When that word spread everyone pushed in. S. Carlbach took his place at the side of the Rebbe's desk as R. Chadakov stood to the Rebbe's left.

The Rebbe asked Carlbach for someone to translate from Jewish to English. The Rebbe pointed me out, but Carlbach said that he can. The Rebbe began speaking and Carlbach's voice was just above a whisper. The Rebbe then turned to me and asked: Gross? Motioning with his hands. The Rebbe then began that the Shchina rests where there are 10 and now that there are more than 10 it surely rests here. I was able to translate the first 2 phrases being that they were short, but the third phrase was long. I began translating and wasn't able to go further, I stopped in the middle. The Rebbe looked at me but I was helpless, the room was just a mingle of people to me, my head was hazy. Carlbach asked the Rebbe to speak in his English, the Rebbe saw no other solution and spoke for 10 minutes in his English, which is very good but only with an accent. After the Rebbe gave the Bracha and as he gave it tears streamed down his cheeks.

We were all about to leave but apparently Carlbach promised them that they may ask the Rebbe all their questions. They began asking if there was a girls school? If the Rebbe has Ruach Hakodesh? What's the use practicing something you don't understand? How to explain to someone who doesn't believe and give him good proof to believe that there is no conflict between science and religion (the way the Rebbe speaks)? How come women were put aside and men went to the Rabbi's leaving their wives behind? What's the difference between Rebbe and Rav? That religion isn't as obvious as it seems and that it always can be repudiated, this question was asked by a Yitzchak Elchanan Yeshiva student who said that he feels religion but it can't be put into words to understand it, and that if he studies long enough he would be able to relate to all the Rebbe's answers, and that the Rebbe has an active approach that is correct.

The Rebbe's answers will be published at the earliest opportunity for they were simply

worded in the Rebbe's own English. The Rebbe asked them to put on Tefilin and obey the different laws, also to speak to their friends about religion. Upon a question, the Rebbe answered that if there will be enough of a demand, he will see that a translater write up some basic works of Chasidus into English.

The room was very hot. I stood at first next to Carlbach, but before the questions, thinking that it's all over, I walked out to arrange my camera, to take a photo of the students (advice of Rabbi Rothstein), meanwhile the questions just got under way. I missed the first few. On the Rebbe's desk to his right their is always a large stack of books near his telephone. In front of him he had a few Kvitlach from the previous Yechidus he had. and also his pair of glasses in a blue case. His watch as well, the Rebbe sits at the end of the chair, does not relax, nor lean back. As he spoke, he watched the expression of everyone. He had enough patience to answer many questions.

If a psychiatrist cannot cure someone, can the Rebbe? He answered, yes. If anyone can become a Rebbe? He answerd, yes, how? It's a very difficult job, and therefore there are so few in the world, and always have been, for it means putting aside all worldly desires, not wasting a minute from learning and doing good acts. The Rebbe is also a person, he must eat and sleep as any other person but that has nothing to do with his being a Rebbe. Can a Rebbe ever use a psychiatrist? One fool asked. Answer: that again has nothing to do with the Rebbe as a Rebbe, but with his private life. Is a Rebbe a Rebbe by inheritance? No, it's just more frequent that it happens so, but one thing a Rebbe must be is a disciple of the former Rebbe. Can even a son-in-law become a Rebbe? Yes. Sometimes a Rebbe cannot cure a Chossid, because the tie between the Rebbe and Chossid has been weakened by the Chossid, and then it is very difficult for the Rebbe to retie this.

Looking at the group who never dreamed that there is a higher element in this world then physical enjoyment and no other reason to live. Some of the students left in the middle of the talk, for the room was very warm. The Chassidim Haskind, Kazarnovsky, Katz became very restless inside, for these "children" were just asking questions without thinking, especially the one from J. A. Yeshiva.

Before we left, the Rebbe again said that a commitee should be formed regarding the publishing of Chasidic literature in English and again wished a Kesivah Vachasima Toiva in all our needs. At night the Yeshiva students reviewed the talk.

**ש"פ נצבים,**
**כ"ח אלול ה'תשי"א**

אמרנו תהלים בבקר במנין, התחלנו עם כ"ק אדמו"ר שליט"א בשעה 8:30 עד 10:00, אח"כ התפללנו.

כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר את ההפטרה "שוש תשיש" ובסוף ההפטרה בכה מעט.

אחר מוסף ישבנו להתוועדות, ובשעה 12:15 בא כ"ק אדמו"ר שליט"א להתוועדות, אמר "לחיים". התחיל אז בשעת דער רבי האט מגלה געווען וועגן התוועדות שבת מברכים האט ער אויך געזאגט אז שבת מברכים תשרי זאגן מיר תהלים און פארברענגען, נאר דער

אויבערשטער בענטש דער חודש, דער פרשה נצבים פאלט אויס פאר ראש השנה, אין דעם איז געווען ברמז וועגן דער עבודה פון ראש השנה, והתחיל לבכות. כל הקהל עמדו, ואמר המאמר ד״ה ״אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם״, ושאל שתי קושיות, וואס דער עבודה פון ״אורות״ און ״כלים״ זיינען בנפש האדם, צוגעפירט צו ראש השנה, אויף א הסבר פון מדת ב״ן, כלי ריקן מחזיק מלא אינו מחזיק משא״כ מדת הקב״ה.

אח״כ היו השיחות על תשובה, יראה שלום, אופן ראש השנה - קפיצה, לא בסדר והדרגה.

ביקש את ר׳ שמואל זאלמאנאוו לפני השיחה האחרונה לשיר דער ניגון וואס דער רבי פלעגט דאווענען מיט עם ראש השנה, דער רבי שליט״א האט שטארק געוויינט, ער האט אוועקגעלייגט זיין קאפ אויפן טיש און האט געוויינט מיט א קול (יללות) פאר א לאנגער צייט, ער האט אנגעכאפט צו זיין היטל וואו עס קומט צו א שפיץ און געווישט די שטערן, געבעטן זינגען דריי מאל בידיו הקדושים.

צום ברכה בסוף האבן אלע זיך געבויגן צוהערן צו די ווערטער פון רביין שליט״א ווען ער האט זייער שטארק געוויינט. דערנאך געזונגען א ניגון, ואח״כ מנחה. אח״כ חזרה עם יואל, הרב מענטליק, טענענבוים, וויינבערג ותלמידים, ובשעה 4:30 אכלתי בביתי, אח״כ למדתי שו״ע הלכות ראש השנה וישנתי קצת.

**יום א׳,**
**כ״ט אלול ה׳תשי״א,**
**ערב ראש השנה**
**ה׳תשי״ב**

בבוקר בשעה 5:30 נכנס כ״ק אדמו״ר שליט״א לאמירת סליחות. עולם גדול בא, ובשעה 6:35 גמרנו. אח״כ הלכנו למקוה עם כ״ק אדמו״ר שליט״א. אחר המקוה התפללנו שחרית, התקיימו שלשה מנינים, אבל אני התפללתי עם מנין כ״ק אדמו״ר שליט״א, הוא שליט״א התפלל עם טלית ותפילין בצבור, אחר התפילה כ״ק אדמו״ר שליט״א אמר הנוסח של התרת נדרים לפני האמירה ביקש את החסידים הזקנים לשבת.

אחר סיום התרת נדרים אמר: ״וויבאלד דעם יאר איז שמיטה, זאגט דער אלטער רבי אז עס דארף זיין מחילת החובות, איך ווייס ניט אויב איך קום אימיצען א חוב, אבער אויב יע, ״הריני מוסר לכם כל חובות שיש לי שאגבה אותם כל זמן שארצה״, און מסתם וועט איהר אלע אויך טאן דאס, האט אלע א כתיבה וחתימה טובה״, ובירך אח״כ כל הקהל כשאומר להם את הנוסח כבכל שנה. בשעה 7:30 נגמר.

הלכתי לקנות הדברים הנצרכים לסעודת יום טוב, בשר ולחם א. ד. ג., ואכלתי בביתי מזונות וחלב. בישיבה כ״ק אדמו״ר שליט״א אמר להתי׳ ליב גראנער: ״אלע תלמידים, תמימים ובעלי בתים זאלען שרייבען אויף באזונדערע צעטלאך, און צו דעם זאל מען שרייבען א פדיון, און אריינטראגען שפעטער״ [די לעצטע האט ער ניט קלאר געזאגט].

בשעה 12:30 הגיע מענדל גרינבוים, מען האט אים געגעבן פריי פון זיין ״קעמפ״, איך האב איינגעארדענט מיט אים אז ער זאל זיין ביים רביין שליט״א איבער דעם ערשטן טאג יום-טוב, ער האט אריינגעטראגען זיין פדיון. איידער ער איז געקומען האט דער רבי שליט״א אים געפרעגט אויב ער איז געווען שבת.

הלכתי עם התי׳ קלמן קאטלאוויץ ל״אוהל״ ושם אמרתי את ה״מענה לשון״ במתינות. חכיתי שעה ארוכה, וגם אחדים כהרב מענטליק וטענענבוים לא רצו ליכנס ל״אוהל״ לפני כ״ק אד״ש.

חיכינו לבא כ״ק אדמו״ר שליט״א לכשעה וחצי, כשבנתיים גמרתי התפילות, והרבה יהודים, וגם לא מאנ״ש באו, ובכו בעת עמדם ליד ה״אוהל״.

בשעה שהגיע כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר את הקאפיטל הראשון באוהל, ואח"כ הדליק את הנר, והמשיך לומר עד המקום אשר צריך לקרוא הפדיון, לפני זה הוא אמר איזה דברים לעצמו און האט טיף געקרעכצעט. הי' שם עד 3:15.

The bus was in a hurry, one bus was rented for $40 by individuals, we all left with the Rebbe Shlita, Rabbi Chadakov and other Chassidim, Arriving at home at 3:50. We prepared for Yomtov. Today the clock was changed at 2 a.m. one hour behind.

# חודש תשרי ה'תשי"ב

**ליל א' דראש השנה ה'תשי"ב**

אחר תפילת מנחה עם המנין של כ"ק אד"ש אמרתי את כל התהילים כמנהגנו, גם התי' מענדל גרינבוים אמר תהילים עד תפילת מעריב, הבית הכנסת הי' מלא, ועמדתי בערך שמונה אמות מכ"ק אד"ש.

בשעה 6:30 נכנס כ"ק אדמו"ר שליט"א, והתישב על כסא ואמר תהלים.

על צווארו, תחת הקאפאטע אבל על החולצה ראיתי דעם רביניס טיכעל, עס איז געווען אזוי ווי א "שאלי" (shawl), אבער עס איז ניט אזוי קענטיק.

בשעה שכ"ק אד"ש סגר את התהלים שלו, התחיל ר' יוחנן גארדאן להתפלל מעריב בקול נעים ובמתינות. כ"ק אד"ש האט געדאווענט זייער לאנגזאם, מיט דער מנין. אחר שמונה עשרה והתפילה, אמר כ"ק אד"ש לכל הקהל: "לשנה טובה תכתב ותחתם", ראיתי איידער זיין ארויסגעהן, בשעת הקדיש דרבנן של החיובים, פתח כ"ק אדמו"ר שליט"א את הסידור למקום שכתוב אז מיר פירען זיך צו זאגען דער נוסח (בסידור "תורה אור").

בלילה בשעת הסעודה אכלתי לבד, האחים דובער וזלמן אכלו כבר וגם אמי תחי' ומרים תחי', אחר האכילה דברתי עם דובער, אודות ראש השנה, ושע"י אמירת תהלים וכו' ממשיכים גילוי אור מלמעלה על כללות השנה, אבל בהיות אשר אחי דובער חסר אצלו הרגש ביהדות, הרגשתי חיוב עלי ליתן לו זמן ולדבר עמו על ענינים שלו, ואח"כ כסדר העולם הוא שמע את הדברים שלי בנוגע יהדות, ועי"ז בטח שהוא ישתנה והדברים יכנסו אל לבו, ומפני זה לא אמרתי הרבה אותיות בתוך הספרים. גם מענדל גרינבוים בא אחר האכילה ודיבר קצת עם דובער.

הרבנית הצדקנית מרת חנה שניאורסאהן שתליט"א, אם של כ"ק אד"ש עלה לביתינו ושאלה האם מרים יכולה לבא לישון בביתה, מרים הי' כבר במטתה ולא חפצה לקום, אבל אמי קמה והלכה לביתה לישון.

**יום א' דראש השנה ה'תשי"ב**

כ"ק אדמו"ר שליט"א נכנס כשאוחז שני פעקלאך, האחד משופרות וטיכלאך, ואחד הי' פתוח, גם הביא עמו ספר, ראיתי את פניו הק', ונראה אשר הי' עייף מאוד, והרבה פעמים סגר את עניו לריבוי זמן.

שמע אל כל הפיוטים מהש"צ, ובשעה שהי' הארון פתוח עמד, וכשנסגר – ישב. בשעת קריאת שמע ראיתי כי הוא לקח הציצית שלו בסדר בידו השמאלית הק'.

לפני התפילה היו כבר תלמידים עומדים מסביב שולחן הבימה בכדי לשמוע אמירת ההפטרה וגם סדר תקיעת שופר מכ"ק אדמו"ר שליט"א, פסוקי דזמרה הי' הש"ץ ר' פנחס ווײלער, שחרית התפלל ר' זלמן דוכמאן, הוא שר בקול רם וגם בכה מעט, מוסף התפלל ר' שמואל זאלמנאוו, קריאת התורה קרא ר' יוחנן גארדאן, וגם קרא את העולים, למפטיר עלה כ"ק אדמו"ר שליט"א והביא אתו שתי הפעקלאך שלו, ובכה בשעת כל זמן אמירת ההפטרה, וגם באמירת הברכות הראשונות והאחרונות. האנשים עומדים על כסאות.

אחר ההפטרה, אמר כ"ק אד"ש שהשני ספרי תורה זאלען שטייען פוןביידע זייטען, און ער

האט פארדעקט ראשו הקדוש מיט זיין טלית אין גאנצען, אונטער דער טלית על השולחן היו גם השופרות והטיכלאך, והסידור הי' פתוח למקום של סדר התקיעות (בסידור "תורה אור"), וגם הי' הפעקל השני. כ"ק אד"ש שר את הניגון הידוע וואס דער רבי נ"ע פלעגט זינגען פאר תקיעות און דאווענען, נאר די וואס זיינען נאענט צום רביין שליט"א האבען געקענט הערן דעם ניגון, אלץ איז געווען שטיל, ובכה בשעת השירה לעצמו בכי רב, ער האט אויך אנגעשפארט ראשו על ידיו הק'.

אח"כ האט ער אויפגעדעקט דעם טלית, והתחיל לומר בקול "למנצח לבני קורח מזמור", אחר הפסוק הראשון בקול רם, ואחר שכל העם גמרו, אמר כ"ק אד"ש בקול פסוק בפסוק של "מן המיצר" בניגון של כל הרביים. מדייק מאוד בכל מילה ומילה, ובשעה שהוא שליט"א אמר "עלה" בהפסוק האחרון וגם תיבת "שופר" אמר בדיוק מיוחד. אחר כוונת היהי רצון בלחש אמר כ"ק אד"ש הברכות (דייק בתיבת "העולם" ----). צום סוף פון יעדער פסוק און אויך ביי די ברכות האט כ"ק אד"ש אויפגעהויבן זיין קול.

ר' מענדל טענענבוים הי' בעל תקיעה, כ"ק אד"ש נתן לו את השופר השחור (שווארץ) וועלכער דוד ראסקין'ס פאטער שלח לכ"ק אד"ש, דער שופר איז געווען פון דער צ"צ. דער רביצין, דער רבי שליט"א'ס מוטער האט עס געגעבן צו דוד'ס פאטער ווייל ער האט אנגעפירט מיט די טהרה פון איהר מאן, די קול השופר איז געווען קלאר אבער ניט ווי א נייע, עס איז א שמאלער.

בשעת די תקיעות קוקט דער רבי שליט"א אויף דער שופר אבער עס איז זייער שווער צו באמערקען דאס, כדי וויסען ווי לאנג יעדער תקיעה און תרועה זאל זיין האלט דער רבי שליט"א זיין אצבע על המלה בסדור שלו, צווישן די דריי סדרים אין די ל' קולות במקום שכתוב "ויתוודה בלחש", כ"ק אד"ש נעמט דער טלית און פארדעקט אין גאנצען ווי פריער פאר א קורצע צייט, אחר התקיעות אמרנו "ובכן יהי רצון", אח"כ בשלשה פסוקים, הנה, הפסוק "אשרי" אמר בנוסח הידוע אבל את שני הפסוקים שלאחרי"ז אמר מיט אן אנדער ניגון, דער ערשטער פסוק של "אשרי העם" אמר כ"ק אד"ש ניט הויך און דער צווייטער א ביסעל העכער און דער דריטער וואס האט דער זעלבער ניגון ווי די צווייטער גאהר הויך, די סוף תיבות איז אנדערש ווי פריער, מען לאזט מיט דער ניגון אראפ, הפסוק "אשרי" לא אמרנו בקול רם.

אח"כ מוסף, ל"עלינו" וויסענדיק אז דער רבי שליט"א וועט מקפיד זיין פאר הילף האט דער רבי שליט"א אליין אראפגעבויגן און אליין אויפגעשטאנען, דער נייער בימה איז אלץ וואס ער נוצט, ניט א שטארקע בענקל.

דער רבי שליט"א האט געבעטן אז מען זאל זאגען אויך די דריי קאפיטלאך הויך ווי די יום תהלים, אח"כ אמר כ"ק אד"ש צו אלעמען: "גוט יום-טוב", גמרנו את התפילה בשעה 2:10.

אחר מנחה הלכנו עם כ"ק אדמו"ר שליט"א ל"תשליך", כמו בכל שנה א גרויסער עולם גייט, דער רבי שליט"א בעט עס זאל זיין מיט א סדר, גאנזבורג, ואברהם מינץ זיינען די ממונים על הסדר, דער עולם איז א גאנץ גרויסער בלאק כ"י, ובשעת ההליכה, הנה השותף שלי הי' יודל קרינסקי, שרינו את הניגונים הידועים, המארטש וכו', מיט אונז זיינען מיטגעגאנגען פרעמדע אויך, אין פארק גופא איז געווען א גרויסען עולם פון אידישע אידען גיין צו "תשליך", און ווארטען פאר די ליובאוויטשער צו קומען, אחר האמירה - ציוה הרבי שליט"א אז מען זאל גיין א ריקוד, אח"כ חזרנו לישיבה, בשעת ההליכה ציוה כ"ק אד"ש אז מען זאל זינגען דער ניגון "ווען איך וואלט געווען בכח".

*Going* we went down Eastern Parkway the whole way, coming down President St. till Brooklyn Ave. over and then turned left to Eastern Parkway.

לא ראיתי מענדל שם, כשהגענו ל770, פתח כ״ק אד״ש את החלון של החדר שלו ואמר לנו צו מאכען א ריקוד, והביט מהחלון און האט געמאכט עם ידו הק׳ ״לעבעדיקער״, אח״כ כ״ק אד״ש שלח לבית המדרש ע״י מאטל דובינסקי *פינף ליכט פאר א יארצייט [כנראה של* הרבנית הצדקנית מרת שיינא הי״ד], ור׳ שמואל דוד רייטשיק התיישב ללמוד את המאמר של ראש השנה עם הנוכחים עד תפילת ערבית, בשעה שנכנס כ״ק אד״ש התפללנו מעריב, אחר מעריב אמר כ״ק אד״ש קדיש וגם קדיש דרבנן, אח״כ הלכתי לאכילה, בשעת האכילה דברתי עם דובער שי׳.

**יום ב׳ דראש השנה ה׳תשי״ב**

הסדר הי׳ דומה לאתמול, אבל מוסף התפלל ר׳ יוסף וויינבערג, לתקיעות הנוסח הי׳ כאתמול, אבל כ״ק אד״ש לא בכה כאתמול, אבל הסדר הי׳ בשווה, גאנץ בית המדרש איז געפאקט און מען שטופט זיך, אחר מוסף הלכתי לאכול, בשעת האכילה דברתי עם אחי דובער, אחר האכילה הלכתי לישיבה, ושם התפללנו מנחה עם כ״ק אד״ש, מען האט אויפגעשטעלט טישן צום פארברענגען, עס האט זייער שטארק גערעגנט אבער אן עולם איז געווען, כ״ק אד״ש נכנס וההתוועדות התחיל בשעה 5:30 ונמשך עד 7:00.

הדברים הראשונים של כ״ק אד״ש היו: ״ערשט זאל מען געהן וואשען, זאגען לחיים, זינגען דער אלטער רבייס ניגון, און בענטשען״, וכך הווה, אחר שנט״י, גם כ״ק אד״ש נט״י בבית המדרש, דער ערשטער רייד איז געווען על ענין של ראש השנה און אויך אודות כתב יד פון ר׳ פנחס רויזעס נ״ע וועלכער דער צ״צ האט אונטערגעשריבען, וואס ר׳ פנחס האט עס געהערט פון דער אלטער רבי. דער מאמר האט זיך גערעדט וועגן ״להבין ענין הנסירה״.

אח״כ האט דער רבי שליט״א אנגעפאנגען טיילען חלה, האבען אלע אנגעפאנגען כאפען, האט דער רבי שליט״א גענומען די קליינע חלות און געווארפען צו די וואס שטייען און צו די וואס זיצען, דער רבי שליט״א איז אליין געזעסן מיט די עלטערע חסידים ארום, אלע האבן געכאפט און זיך געטיילט מיט די וואס שטיין נעבן זיי, איידערווארפען יעדער חלה האט דער רבי שליט״א ארויסגענומען א שטיקעל פאר זיך, אח״כ כ״ק אד״ש בירך, ונתן לכולם כוס של ברכה, צו אנדערע ווי די גאהר אלטע בעלי בתים האט דער רבי שליט״א געוואונטשען א גוט יאר, ווי שטאקהאמער, אח״כ צוה לר׳ שמואל זאלמאנאוו צו זינגען די תנועה פון רביין בשעת תפילת ראש השנה, צוויי מאל געזונגען, אח״כ הניגון של ד׳ בבות, נאך דער ניגון אמר כ״ק אד״ש דער מאמר פון אלטער רבי, שפעטער האט ער געגעבן הרב מענטליק דער מאמר איבערצולערנען, געוואונטשען אלעמען ברכת כתיבה וחתימה טובה, והתפללנו מעריב, אחר מעריב והבדלה הלכתי לביתינו.

**יום ד׳ ג׳ תשרי, צום גדלי׳ ה׳תשי״ב**

הלכתי ללמוד בישיבה בשעה 7:45, ולמדתי עד 9:30 והתפללתי עם מנין, כ״ק אד״ש בא ואמרנו סליחות עמו אחר אמירת תחנון, סליחות אמר מן הספר ״סליחות״, אח״כ קראו בתורה. בשעה 1:30 התפללו מנחה, בבקר הלכתי לר׳ חיים ליס בישיבה ליקח בגדים חדשים אשר מר. סטיין שלח. ביום למדתי קצת, מעריב עם כ״ק אד״ש, אחר מעריב למדתי וכתבתי.

**ש"פ וילך, שבת תשובה, וא"ו תשרי ה'תשי"ב**

בליל שבת למדנו אחר זמן מעריב, ובשעת זמן מעריב למדתי עם דוד ראסקין את המאמר של ראש השנה, אחר מעריב של מנין ראשון הרב חדקוב נתן המאמרים החדשים של שבת תשובה ומוצאי יום כיפור.

כהנהגתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א הלך לביתה של אמו ולקח אותה והלך איתה לטייל.

אחרי כן, חזר לבית הכנסת, וראה כל אלו אשר למדו, ונכנס פתאום, ולמדנו כדרכנו, ושאל: "עס איז פאראן א מנין דא איצטער?", וספרו את התלמידים, עס איז געווען פונקט א מנין, ניט געדאוועוועט, ושאל עוד: "וואו איז בן-ציון שם-טוב'ס זוהן? [ער איז געקומען לעצטע דאנערשטאג נאכט] און פאריז [שלום בער] אברהם פאריז'ערס זון?", און האט געגעבן א שאקעל עם ראשו הק' ואמר - גייענדיק אין קאראדאר – "עס איז ניטא קיין סדר", און איז צוריק געקומען צום קליינעם צימער וואו מיר האבען געלערנט ואמר: "איך גיי איצטער אוועק (לערנט ווייטער!), א גוטען שבת".

התפללתי מעריב לפני התיבה בשעה 8:00.

ביום שמעתי איך שכ"ק אדמו"ר שליט"א אמר ההפטרה, ובכה קצת בתחילת אמירתו.

בשעה 12:30 כ"ק אדמו"ר שליט"א התפלל מנחה. כל היום אחר הסעודה למדתי דא"ח (תניא וליקוטי תורה) וגם שולחן ערוך הרב, מעריב עם מנין כ"ק אד"ש.

**יום ב' פ' האזינו, ח' תשרי ה'תשי"ב**

כ"ק אד"ש הלך היום לאוהל וחזר בשעה 5:05. התפללתי מנחה לפני התיבה.

**יום ג', ערב יום הכיפורים ה'תשי"ב**

קמתי בשעה 4:50 ובישיבה הייתי בשעה 5:05, כ"ק אד"ש בא 5:15, ובחדרו בשעה הזה אמר סדר הכפרות, אח"כ הביא תרנגול שלו בחוץ בכדי שהשוחט ישחט אותו, החזיק בשתי ידיו את התרנגול לפני שהשוחט לקחו ממנו, אזוי האט דער רבי שליט"א געטראגען, איין האנט אויף איין פליגעל און דער צווייטער אויף דער אנדערע, אח"כ כל העם אמרו סדר הכפרות, קניתי תרנגול לבן מר' בער בוימגארטען בסך $1.50, ר' קאלמינסאהן שחט אותו, וכיסיתי את הדם.

אח"כ הלכנו פעם ראשונה למקוה, וגם כ"ק אד"ש הלך, אחר מקוה התפללתי שחרית עם כ"ק אד"ש, הוא שליט"א התפלל עם טלית ותפילין שלו, ר' נחום סקלאר התפלל לפני התיבה מפני שהוא חיוב, והתפלל מהר מאוד, אחר התפילה כ"ק אד"ש נתן לעקאח צו אלע (פונקט דא בין איך אוועק וחשבתי אז שפעטער וועט ער טיילען). געגעסן, איינגעקויפט, געווארט ביז 11:20 אין ישיבה, ולמדתי שולחן-ערוך, פאר לעקאח, דברתי עם שני אחים וואס קומען זאגען קדיש נאך זייער פאטער וועלכער איז נפטר געווארען ערב שבועות, דברתי עמו על ענין של יהדות, והבאתי הצעיר מהם לכ"ק אד"ש לקבל ברכה לאמו מפני שהיא חולה, כ"ק אד"ש שאל אותו לכתוב את שמה על פאפיר, כך עשה, ונתן אותו לכ"ק אד"ש, כ"ק אד"ש נתן ברכה לו ולאמו, ושלח לאמו חתיכת מזונות, באמרו: "ווינטשען איר א גוט יאר".

בשעה שנכנסתי לברכה, נתן לי כ"ק אד"ש עם ידו הימנית לעקאח (Honey) ואמר לי: "זאלסט האבען הצלחה אין לערנען, זאלסט האבען נחת פון משפחה, דיינע ברידער, און אויך נחת פון זיך, א חתימה וגמר חתימה טובה".

בשעה 1:30 תפלת מנחה עם כ״ק אד״ש, לפני מנחה פעם שנית למקוה, ולפני מקוה נתתי וקיבלתי מלקות, למנחה ראיתי מענדל גרינבוים, ער האט געקראגען רשות פון ארמיי צו קומען פאר יום כיפור, ער האט זיך זייער געהיילט, אריין אבער מיט א פאר [מינוט שפעט] פאר לעקאח, כ״ק אד״ש אמר לו: ״זאלסט האבען א גוט יאר און קענען דינען דער אויבערשטער אלץ א פרייער מענטש״.

פינף מינוט שפעטער איז ער נאכאמאל אריין וכ״ק אד״ש אמר לו (מפני שמענדל אמר לו אז זיין דיוויזע וועלען דארפען געהן קיין אייראפע דייטשלאנד): ״אויב דו ווילסט שטארק וועסט דו אויספירען זיין דא צו סוכות״.

נאך מנחה זיינען אלע אריין, וכ״ק אד״ש בירך כולם מיט א כתיבה וגמר חתימה טובה, דעם לשון וועל איך נעמען פון די וועלכע האבן דאס פארצייכענט.

## ליל יום הכיפורים ה׳תשי״ב

לפני כל נדרי הלכתי פעם שלישית למקוה כמנהגינו, בשעת איך בין אריין שמעתי מיודל קרינסקי אז יואל קאהן האט געפרעגט ביים רביין אויב תלמידים זאלען אריין נאכדעם וואס די יונגע לייט האבען געקראגען א ברכה.

בשעה 5:25 זיינען אלע תלמידים אריין, דער רבי שליט״א איז געשטאנען אין טלית און קיטל, אויפן [טיש] האבען געברענט צוויי ליכט אין גלעזער, און דריי גרויסע ליכט אויף א שטול, דער רבי שליט״א האט געזעהן אז יונגעלייט שטופען זיך אויך אריין, און האט געזאגט צוויי מאהל הויך: ״נאר תלמידים״, (ושאל: ״ווער פארקעט זאך מיט די ספרים דארט!״), יעצט איז דער זמן פאר ברכת הבנים, וויבאלד איר לערנט אין דער רבי׳ס ישיבה זיינט איר דאך דער רבי׳ס קינדער, ערב יום כיפור האט דער רבי זיך געפירט בענטשען״, דאן האט דער רבי שליט״א ארונטערגעלאזט זיין טלית, פארדעקט פניו הק׳, אויפגעהויבן זיינע הענט עד לבו, ואמר: ״וידבר ה׳ אל משה לאמר . . כה תברכו את בני ישראל . . יברכך . . יאר . . ישא . . וישם . . ושמו..״, בתחילת הברכה של ״יברכך״ בכה בכי רב, אבל פתאום מעכב את הבכי׳, בשעת אמירת הפסוקים הביט בסידורו שעמד על שולחנו ותחת טליתו וועלכער איז געווען אפען צו די פסוקים, אח״כ אויפגעדעקט פניו ואמר: ״דער אויבערשטער זאל געבען דעם יאר זאהל [זיין!]אים הצלחה אין לערנען און האבען א חתימה וגמר חתימה טובה״, איידער דער רבי שליט״א הויבט אן ריידען קוקט ער ארום אויף אלע.

בשעה שהרבי שליט״א נכנס לבית הכנסת אמר תהלים, ובשעה 5:48 אמר כ״ק אד״ש אז מען זאל אנהויבען כל נדרי, נתנו לכ״ק אד״ש ספר תורה (גם הרש״ג, וגם הרב שמואל לעויטין אחזו ס״ת). הרב שמואל זאלמאנאוו הי׳ ש״ץ הוא בכה בשעת אמירת כל נדרי, גם הרש״ג בכה, כ״ק אד״ש האט צו זיך זייער שטיל געוויינט, קיינער האט ניט באמערקט, כ״ק אד״ש האט געהאלטען דעם ספר אין יד ימין כדרכינו און ראשו הק׳ צוגעלייגט צום ספר כמעט דורך כל נדרי, אח״כ חכינו על פי ציווי כ״ק אד״ש 15 מינוט צו מעריב.

בשעת מעריב אין צייט פון חזרת הש״ץ אמר כ״ק אד״ש תהלים, איך האב ניט באמערקט אויב ער שליט״א זאגט אלע פיוטים, אחר תפילת מעריב וד׳ מזמורי התהילים, התחלנו לאמר תהילים בשעה שכ״ק אד״ש פתח את התהילים לספר ראשון, ר׳ ווילער התחיל לפני התיבה ואח״כ זלמן דוכמאן, זיי האבען געמאכט זייער שנעל זאגענדיק אז עס איז שווער פאר דער רבי שליט״א צו זיין דא א לאנגער צייט און נאך תהלים וועט ער מסתמא אוועק, זיי האבען אפגעזאגט און קיין אנדערע איז ניט צוגעגאנגען צום עמוד, בשעת דער רבי

שליט"א האט געהאלטען קאפיטל צדי"ק, האט ער גערעבן א קוק ארום און איז אליין צוגעגאנגען צום עמוד, און אפגעזאגט הויך עד הסוף, ובשעה שהוא שליט"א גמר את התהילים אמר "מי יתן" בקול רם, וגם "יהי רצון" בקול רם, ורק במקומות מסויימים האט ער ארונטערגעלאזט קולו, אח"כ הלך.

הייתי בבית המדרש עד 12:35 כל העם היו עייפים ובשעה הזה רק שנים חזרו תהילים, הלכתי לביתי לישון אע"פ אז 5 בחורים זיינען געשלאפען אויף בענק.

**יום ד' פ' האזינו, יום הכיפורים ה'תשי"ב**

בבקר הלכתי לבית הכנסת בשעה 7:00, ולמדתי דא"ח ואמרתי תהלים עד 9:00, עד שכ"ק אד"ש נכנס, ואז התחלנו להתפלל.

לפני התפילה אמר כ"ק אד"ש תניא וגם אמר כמה קאפיטלאך תהלים.

לייבל גראנער טראגט פאר כ"ק אד"ש צוויי פעקלאך צוזאמען גענומען און לייגט זיי אין דער "שטענדער" פון כ"ק אד"ש. פסוקי דזמרה התפלל הרב ווילער, שחרית התפלל ר' זלמן דוכמאן, מוסף ר' יוסף וויינבערג, מנחה ר' זיסקינד, ונעילה ר' זלמאנאוו.

המקום שלי הי' לשמאל של כ"ק אד"ש, עמדתי אצל ר' מענטליק וליב גראנער. דער רבי שליט"א זאגט תהלים ביי אלע תפילות חוץ פון נעילה. דער רבי שליט"א שטייט צו נעילה בשעת האמירה פון תפילות.

צו פאלען "כורעים" - דער רבי שליט"א דארף ניט קיין הילף, ער שפרייט אויס זיינע הענט אונטער זיין קאפ הקי'.

בין מוסף למנחה, זמן ההפסקה הוא שעה אחת מ2:45 – 3:45 בכדי לשבת. בשחרית לא קיבל כ"ק אד"ש עלי', רק במנחה עלה ל"מפטיר יונה", בכה רק קצת בתחילת אמירת ההפטרה. דער טאג איז געווען קאלטליך. צו "יזכור" האלט דער רבי שליט"א א ספר תורה. בשעת נעילה האט דער רבי שליט"א כסדר געפרעגט דער זייגער, כדי מוסיף זיין "מן החול על הקודש", וציוה להחזן ר' זלמאנאוו אז ער זאל זאגען זייער לאנגזאם. בשעת ה"תקיעה גדולה" האט זיך כ"ק אד"ש אנגעשפארט מיטביידע הענט אויף זיין בימה, ציוה אז מען זאל זינגען הניגון עד 6:07, בשעת הנגינה עשה עם ידיו הקי' לעבעדיק און אליין געזונגען בשעת קוקענדיק אויף דער עולם, אח"כ אמירת תהלים עד הסוף.

ליב גראנער הביא את מעילו של כ"ק אד"ש, ואחר עלינו של נעילה ולפני תפילת מעריב לבש אותו, חיים אשר התפלל מעריב מהר מאוד, אחר מעריב האט דער רבי שליט"א געוואונטשען אלעמען א "גוט יום טוב".

**מוצאי יום הכיפורים ה'תשי"ב**

בחדרו עשה הוא שליט"א הבדלה, ראיתי את אמו [הרבנית חנה] תחי' וגם הרעבעצין [חי' מושקא] תחי'.

הרב חדקוב וליב גראנער שיחיו שמעו גם את ההבדלה שלו.

עס רעגנט היינט ביינאכט, און מען קען ניט מקדש זיין די לבנה.

בלילה חזרתי לישיבה 11:15 און ר' זלמן דוכמאן איז געזעסן און האט פארבראכט, שמעתי, אז מען האט איהם אריינגעשיקט צום רביין שליט"א צו בעטן פארברענגען, האט דער רבי שליט"א געזאגט אז מען זאל פארברענגען צווישען זיך, ער האט דערציילט פארשידענע

סיפורים.

בשעת ער איז געווען יונג (ער איז יעצט 60) האט ער געזעהן דער רבי נ״ע אין ״אוהל״, קיינער האט ניט געטארט אריינגיין בשעת דער רבי נ״ע איז געווען אין ״אוהל״, אבער ער מיט נאך חברים זיינען ארויף אויף א בוים, און האבן געזעהן ווי דער רבי נ״ע שטייט מיט זיין קאָלנער ארויף [דער רבי שליט״א שטייט פיהל מאל אזוי] און לייגט פדיונות, זיי האבן געקוקט נאר פאר א קורצע צייט און האבענדיק מורא – האבן זיי ארונטערגעשפרונגען.

ער זאגט אז עס האט אים וויי געטאן זיינע גאנצע יארען פארוואס ער האט געזען דער רביס צורה ווען מען טאר ניט, שפעטער אין א שיחה האט דער רבי געזאגט אז הלוואי וואלט ער געזען דער רבי אויפן ״אוהל״, ער האט נאר געזען איין מאל דער רוקען פון רבין ביים ״אוהל״ פון רבי נ״ע.

אויך האט ער דערציילט וועגן זיין זיידע, ר׳ מרדכי יואל וועלכע איז געווען א תלמיד ביים ״צמח-צדק״, ווען ער איז געווען 14 יאהר אלט, דערציילט אים זיין זיידע, האט ער געוואלט געהן אויף יחידות און האט געזאגט אז א רבי איז ג-ט, במילא וויל ער גיין אן א ממוצע, האט מען אים ניט געוואלט אריינלאזען, ביי נאכט איין מאל שפעט איז ער געשטאנען ביים טיהר און פלוצלונג גייט ארום דער רבי הצ״צ, איז ער געווארען זייער שטארק דערשראקען, האט דער רבי הצ״צ אים אריינגערופען און געהייסען אים זעצען זיך אויף זיין יחידות שטול, האט ער דערציילט דער צ״צ אז ער וויל ניט האבען קיין ממוצע, און האט איהם אויך דערציילט אז ער עסט כמעט גארניט, נאר אביסל קוגעל פון איינער וועלכע גיט אים, האט דער צ״צ אנגעהויבן זייער לאכען, אזוי לאכען - דערציילט ר׳ מרדכי יואל - ער זיצט איצטער אין גן עדן און לאכט...[!]

בשעת ר׳ זלמן זאגט ״דער רבי״ זאגט ער: דער רבי וועמעניס צעהן אותיות שטייען אנגעשריבען אויף דער שטערן בשעת מיר געהן צום ״אוהל״, מעהר פון דעם זעט מען ניט.

ועוד סיפר: איין מאל האט א יונגערמאן געהאט רדיפות פון דריי פריצים, איינער איז געווען א פרוי, איז ער געגאנגען צום מיטעלן רבין, האט ער געשריבען דריי בריף צו יעדערער פון די פריצים, און געזאגט וואס וועט זיין (לעתיד), ער האט מרמז געווען אין פסוקים, איז דער ערשטער בשעת ער האט געקראגען דער בריף, האט ער געזאגט: אויב דער רבי הייסט וועל איך זיך ניט מישען, דער צווייטער האט געלייענט אין בריף אז זיין סוף וועט זיין דורך א שווערד אויב ער וועט ניט הערען, האט ער אפגעלאכט און געזאגט ווי אזוי קומט א שווערד און א קאזאק אין דעם געגענד, מיט אמאל גייט אדורך א גאנצע גאריסאן מיט סאלדאטען, און איינער נעמט ארויס זיין שווערד און האקט אראפ זיין קאפ, דער (דריטער) פריצטע האט געלעזען אז איהר סוף וועט זיין שפינען, און אזוי איז געווען, זי איז געווארען זייער ארעם, שפעטער האט דער מיטעלער רבי געזאגט אז ער האט ניט געדארפט ממשיך זיין דינים.

ארום 12:00 שיקט דער רבי שליט״א אריין מיט ר׳ חדקוב א פושקע מיט זיין פערזענליכע מזונות צום פארברענגען, מען האט איבערגעגעבן ר׳ זלמן און עס איז געווארען א גערודער צו כאפען די מזונות, מען האט אסאך געכאפט, און מען האט שפעטער געמאכט א סדר צו צוטיילען. זיצענדיקערהייט געטאנצט ביז 2:00. זייער גערעגנט.

**יום ה׳ פ׳ האזינו, י״א תשרי ה׳תשי״ב**

במשך היום ירד גשם. בלילה הביא הרב דזשייקאבסאן אתרוגים לכ״ק אדמו״ר שליט״א. אחר היחידות של ר׳ שמואל דוד רייטשיק ישב להתוועד אתנו, כ״ק אדמו״ר שליט״א נתן לו

כ"ו דאללער (Singles), ר' ישראל דזשייקאבסאן אמר לכ"ק אדמו"ר שליט"א כי אני מחזיר את האתרוגים לבית שלו ובשעה 1:30 a.m. לקחתי אותם, Spoke to taxi driver about Judaism, התוועדנו (כששה תלמידים) עד 4:00.

**ועש"ק פ' האזינו, י"ב תשרי ה'תשי"ב**

הקמנו ארבע סוכות היום, הראשון של כ"ק אדמו"ר שליט"א בחצר הגדול, השני במרפסת של קומה השניי, השלישי סוכה הגדולה לבית הכנסת, ורביעי של הרש"ג. הלכתי לקנות אתרוג ולולב אצל הרב דזשייקאבסאן, גם קניתי אחד לשלוח למענדל בצבא, ר' ישראל נתן לי הלולבים להביא לכ"ק אדמו"ר שליט"א, בערך י"ח לולבים, שלחתי האתרוג והלולב Special Del., שלחתי אותם עם רשות של הרב חדקוב, ושלחתי למענדל טעלעגראם להודיע שנשלחו, וגם שה"מרכז" קנה אותם.

בליל שבת, למדנו כבכל שבת בבית המדרש עד 8:00 ואח"כ התפללנו מעריב.

כ"ק אדמו"ר שליט"א בא אחר מעריב בשעה 8:30 והביט בכל חדר (החדר הגדול וגם הקטן) וצחק קצת ואמר: "גוט שבת", והלך לביתו.

**ש"פ האזינו, י"ג תשרי ה'תשי"ב**

אחר התפילה למדתי דא"ח וגם פרשת השבוע.

היות שהיום הוא היארצייט של אדמו"ר מהר"ש ור' שמואל לעוויטין התפלל לפני התיבה כל התפילות, הנה, אחר תפלת מנחה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לדבר עם ר' שמואל לעוויטין וועגן דער רבי מהר"ש.

א) די באבע (דער שווער'ס מוטער) פלעגט ריידען וועגן אים פלעגט זי ריידען מיט א יראה, ווייל ער פלעגט ארויפווארפען א פחד אויף אלע.

ב) צוליב זיין קראנקייט האט ער געטאן אלץ זיצענדיק, אפילו שלאפען, ער איז נסתלק געווארען זיצענדיקערהייט.

ג) איך האב געהערט פון חסידים דערציילען אז ניט לאנג נאך דער קבורה האט מען געזען ווי דער רבי נ"ע און ר' יעקב מאטל ריידען חסידות, דאס איז ביי מיר געווען שווער, נאר אויף וואס חסידים דערציילען דארף מען קיין קשיות ניט פרעגען.

ד) בשעת ער איז נסתלק געווארן האט ער געבעטן זיין זייגער און האט געמאכט אז זי זאל אויפהערן גיין, דורך ארייינשטעקען עפעס.

ה) אין זיין בית הכסא איז געווען א שאנק מיט מעדעצינישע ספרים און ער פלעגט אויסשרייבען זיינע אייגענע צעטלען, דאס איז אזוי ווי שמואל אין דער גמרא, וואס אויף אים שטייט אז "הי' יודע בחכמת הרפואה" [דב"ר פ"ח, ו].

ו) בחייו של הצ"צ איז ער געווען ווייניקסטענס צוטראגען, ער איז אלעמאל געווען אויפגעלייגט.

ז) מען דערציילט אז דער רעבעצין [דבורה לאה] איז געלעגען צום וואנט דריי מעת לעת נאך זיין הסתלקות.

**יום א', י"ד תשרי,**

בבוקר אחר התפילה קניתי לכבוד יום טוב וגם הלכתי למקוה. אח"כ עזרתי בבנין הסוכה

**ערב חג הסוכות ה'תשי"ב**

וגם ערכתי את הלולב לכבוד יום טוב בסוכה כמנהג. ראיתי כ"ק אדמו"ר שליט"א איך שהוא מסדר את הלולב בסוכה שלו, בערל יוניק שימש את כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בלילה אחר הסעודה עליתי עם מנין תלמידים לסוכה בקומה השני' ושם ראיתי את השולחן שאצלו ישב כ"ק אדמו"ר שליט"א, וגם לקחתי שיריים שלו.

החדר של כ"ק אדמו"ר [מהוריי"צ נ"ע] לא השתנה אפילו מעט.

**יום ב', ט"ו תשרי, א' דחג הסוכות ה'תשי"ב**

ביום למדתי דא"ח עם שאר תלמידי הישיבה, אכלתי בסוכה. בלילה אמי תחי' בא לשמוע "קידוש".

בלילה הרב שמואל לעוויטין התוועד אתנו, דער רבי שליט"א האט אים געהייסען, דערפאר פארברענגט ער מיט אונז, אבער אזוי פון זיך האט ער גארניט קיין חשק, דער טעם פארוואס איז ווייל מען האט ניט קיין דרך ארץ, און די תלמידים הערען זיך ניט צו, דער חוב פון גאנץ "תומכי תמימים" ליגט אויף די תלמידים יעצט, און זיי וועלען מוזען געבן א חשבון אויף דעם.

ר' שמואל האט דערציילט וועגן א איד וואס גיט $5 צום רביין וואכענטליך, זיין נאמען איז ר' זושע, א שוסטער און אן ארימאן, ער האט א Bicycle סטאר אויף .Empire Blvd.

דער ערשטער נאכט סוכות (לעצטע נאכט) האט דער רבי שליט"א געהייסען די תלמידים פארברענגען, און צו זוכען אן עלטערע, האבען מיר פארבראכט, אבער די אנפירער האבען גארניט געזוכט קיין עלטערע און האבן פארבראכט אליין, שלום מאראזאוו האט געלייענט די רייד פון רביין דער לעצטע שמיני עצרת-שמחת תורה און מיר אלע האבען געזאגט "לחיים" אויף וויין געמישט מיט משקה (פון עזריאל חייקין), מיר האבן געטאנצט און געזונגען.

צוועלף אזייגער בין איך אהיים אין מיטן, בעסער געזאגט אין אנפאנג פון פארברענגען, ווייל שלום מאראזאוו האט מען גוט אנגעטרונקען, צו פיהל נייטען האט מען אים ניט געדארפט, און אין א קורצע ווייילע איז ער געווארען שטארק שיכור און גערעדט פיינע דיבורים וועגן "התקשרות", אלע זיינען געווארען מיד, און זיך צוגעלייגט אין סוכה וואו דער פארברענגען איז פארגעקומען, און מען האט געלאזט שלום אליין, זיין הוט און יארמולקע האבען געפאלען פון זיין קאפ און ער האט דאס ניט געקענט געפינען, און האט ארויפגעלייגט זיין רעקעל איבער זיין קאפ און איז געגאנגען צום מקוה.

גייענדיק צו יוניאן סט. - דער גאס פון מקוה, אנשטאט זיך דרייען לינקס דרייט ער זיך רעכטס און גייט צו ביז א הויז וואס קוקט אויס ענדליך צום מקוה, און גייט אריין, מיט א מאל כאפט זיך אויף א מענטש און א מורא'דיקער שרעק פאלט אן אויף אים, אט גייט איינער מיט א בארד, און א מאנטל איבער זיין קאפ! ער האלט אים צו, און רופט פאליס, זיי קומען, און נעמען אים מיטן קאר צום סטיישען, דארט זעהן זיי אז ער איז שיכור און אז ער איז איינער פון אונז, און קען גארניט ריידען נאר די ווערטער 770 Eastern Parkway, די אדרעס פון ישיבה.

זיי רופען גלייך דער ישיבה און ברענגען משה גראנער און משה קאבעליאקער, זיי פרעגען אויב דער ביי ווען שלום איז אריין וויל איהם ברענגען צו בית דין, זאגט ער ניין, ווייל ער איז ניט קיין גנב, קומט אריין א אידישער לוטענאנט און זאגט אז ער וועט באלד אלץ מאכען רעכט, און אז משה גראנער זאל שווייגען, ווייל משה האט געזאגט אז דער טעם פארוואס ער

איז שיכור איז וויבאלד היינט איז אונזער יום טוב און מיר פארברענגען, און וויבאלד אז ער איז דער חכם און דער עלטערער - טרינקט ער די מערסטע, האט דער לוטענאנט אלץ גוט געמאכט.

שפעטער נאך דער באפרייאונג בעט שלום פון דער לוטענאנט צו קומען בענטשן אתרוג, און ער זאגט אים אז דער גאנצער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט אים דא אויף דער וועלט געבראכט איז כדי צו באפרייען שלום.

אין דער פרי 10:00 איז דער רבי שליט"א געקומען מיט זיין אתרוג און לולב און געבענטשט אויף איינער מיט א פיטום, און נאך דריי, צוזאמען פיהר, מיט איין לולב מיט זעקס און צוואנציק הדסים.

איך בין געווען פון די ערשטע צו בענטשן, און איך האב געשטאנען פונקט נעבען דער רבי שליט"א בשעת ער האט געבענטשט, און געכאפט די נענועים מיט אלע אתרוגים. מיר האבן נאר געבענטשט ווייל דער רבי שליט"א איז געשטאנען און האט געווארט און האט זיך צוגעקוקט צו יעדערער, עס איז געווען אין זיין סוכה. חאטש אפילו אז איך האב מיין אייגענער אתרוג, האב איך געמאכט די ברכה אויף דער רבי'ס אתרוג יעדער טאג פון סוכות חוץ איינער.

אח"כ טעם כ"ק אדמו"ר שליט"א איזה דבר.

בשחרית בעת ה"הושענות" בראשונה הולך החזן ואח"כ הולך אחריו כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בקשר להמעשה עם שלום מאראזאוו, התחיל ר' שמואל לדבר אז דער סדר איז קיינמאל ניט געווען, און דאס קען מאכען ניט קיין גוטען איינדרוק אויף אונזער ישיבה, אז די תלמידים מאכען חרוב דער ישיבה, עס איז פאראן יוסף רייצעס וועלכער רעדט און פארט כסדר מיט זיינע מחותנים און לאנדסלייט, ער האט ניט קיין צייט פאר לערנען, אדער די אנדערע תירוצים פון די רוסישע תלמידים, אויף ווענען מען האט זיך אסאך פארלאזט, דער חוב ליגט אויף אייך, וואס איר טענה'ט וועגן די משפיעים, אין ליובאוויטש קענען אלע תלמידים אוועקגיין אבער די משפיעים בלייבען.

א מאל איז געווען א "שטרייק" קעגן א משפיע, "שילס" האט אנגעפירט, און דער משפיע איז געווען זייער שטרענג אבער דער רבי נ"ע האט עס זייער ווי געטאן, הרב דזשייקאבסאן וויל ניט פארברענגען מיט אייך ווייל איר האט ניט קיין דרך ארץ, דער סדר דא איז ניט קיין שווערער מען דארף אים היטן.

משה דובינסקי האט גענומען פיל משקה און גערעדט אז מאראזאוו איז א חסידישער בחור, האט ר' שמואל געזאגט אז איך אלץ משפיע רייד מיט זיי, און איהר דארפט זיך ניט מישען. קוקט אויף אייער זון, איהר זעט, אמר ר' משה, מיין זוהן - איך ווייס ניט וואס צו טאן מיט אים ער הערט זיך ניט צו צו מיר, איך מאך א טעות אמאל און ער וויל ניט הערען, איך טענה צו איהם ער זאל האבן אפין קאפ א מאמר חסידות און ער וויל ניט, אוודאי די תלמידים האבן מעלות אבער יעצט ריידען מיר ניט וועגן דעם, זיי פירן ניט אויס די כוונה פון דעם מוסד, איהר דארפט אליין פארשטיין אז יעצט איז שווערע צייטען, אז דער ישיבה איז ניט אונטער איהם, אבער איהר דארפט גוט פארשטיין...

גייענדיק ארויף צו זיך בשעה 4:20 האבן די תלמידים און בראש פון זיי יואל כהן און גדליי קארף אנגעהויבן ריידען אז די משפיעים ווי ר' דזשייקאבסאן און ר' בוקיעט טייגען ניט, זאגט ער, אז דער רבי האט זיי אויסגעשטעלט און זיי זיינען די פאסיגע, עס איז אייך וואס

טייגען ניט, האט ער געפרעגט: אין וועלכען פרט טויגען זיי ניט? האט יואל געזאגט אז זיי טייגען בכלל ניט, מישט זיך אריין משה לעווערטוב אז זיי זיינען קיינמאל ניט מסביר צו אונז ענינים אין דא״ח, און פרעגען אונז קיינמאל ניט. נו - אמר - איהר קומט קיינמאל ניט אין צייט, איהר פטר׳ט צייט, איז עס א וואונדער? אזוי האט מען גערעדט צו ר׳ שמואל ביז 4:40 און עס איז געווען קענטיג אז ר׳ שמואל איז געווען אויפגערעגט, ביז ער האט געזאגט אז איר רעדט גלאט חוצפה׳דיק.

**יום ג׳, ט״ז תשרי, יום ב׳ דחג הסוכות ה׳תשי״ב**

ברכתי על האתרוג של כ״ק אדמו״ר שליט״א.

אחר תפילת מוסף הכריזו כי כ״ק אדמו״ר שליט״א יתוועד עמנו בשעה 4:00, וכך הוה, אחר הסעודה בשעה 4:00 נכנס כ״ק אדמו״ר שליט״א להתוועדות בסוכה הגדולה שבחצר, נטלנו את ידינו לסעודה, וההתוועדות נמשכה עד מעריב.

פאר די ערשטע טעג אזוי ווי די אנדערע טעג, האב איך גענומען קינדער אין סוכה און געבענטשט מיט זיי ד׳ מינים און זיי גגעבן עטוואס צו עסען, נעכטן און היינט זיינען געקומען זיצען 15 קינדער פון דעם געגענד, דער רבי שליט״א האט געוויס געהערט פון זיין סוכה וואו ער זיצט אסאך און לערנט.

איך האב געבעטן די קינדער ווארטען לראות את פני כ״ק אד״ש, האבען זיי געשטאנען על השולחן וראו, פנחס פעלדמאן בנו של מענדל פעלדמאן גם הוא עמד על השולחן על פקודתי, ואמר ״לחיים״, כ״ק אד״ש שאל אותו אויב זיין פאטער האט געזאגט ״לחיים״, און אז ער זאל געבען זיין פאטער, ואמר ״לחיים״.

כ״ק אד״ש דיבר על ענין של סוכה, ולא אמר מאמר דא״ח.

**יום ד׳, י״ז תשרי, א׳ דחול המועד סוכות ה׳תשי״ב**

נאך דער רבי שליט״א׳ס פארברענגען לעצטע נאכט איז ר׳ יצחק גאלדין געקומען, כ״ק אד״ש אמר בההתוועדות אז מען דארף פארברענגען יעדער טאג פון סוכות, כ״ק אד״ש הי׳ צריך לדבר עם יחזקאל גאנזבורג, המנגן, וקרא אותו, גאנזבורג אמר אז יצחק גאלדין איז געקומען ושהתוועד, אמר כ״ק אד״ש: ״ר׳ איטשע גאלדין איז געקומען - זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, זאהל ער פארברענגען, ער גייט צו מיט חשבונות, ער טראכט אז ער טאר ניט טרינקען פיהל צוליב זיין געזונט״, הערענדיק דאס האט ר׳ איטשע אנגעפאנגען נעמען אסאך משקה, דוד ראסקין ״שר המשקים״ נתן משקה.

ר׳ משה גוראריי׳ בא, וגם ר׳ משה דובינסקי הי׳ פה, ר׳ איטשע פארברענגט זייער גוט, אמר לתלמידי הישיבה: איהר לערענט ניט און איר זייט ניט וואס מען דארף זיין, צו משה גוראריי׳: איהר זיינט דא, האַ, איהר ווייסט דאך ווער איר זיינט, ראש השנה זיצט איר אין ווינקעל און ברעכט דער וואנט און [גיס]ט טרערען, איר האט זיך אנגעטאן א סאמעטען היטל און א זיידענער קאפאטע, ווען נארט איר אפ? איך ווייס דאך באמת ווער איר זיינט (ער האט אים זייער פיל געריבען), ר׳ משה גוראריי׳ האט איהם אויך געמוטשעט צו דערציילען א מעשה פון רביין [מוהריי״צ נ״ע] ווייל ער איז געווען דער משרת פון רביין גלייך נאך דער הסתלקות פון רביין נ״ע, ביז ער האט דערציילט דער מעשה, ואמר אז ער האט עס געגעבן דער רבי שליט״א.

שפעטער התחיל לדבר עם ישראל גארדאן: ווי אזוי האט א תלמיד פון ישיבה דער ענין אין זיך צו פארקויפען זיך אויף ראש השנה און יום כיפור, זינגען פאר געלט? לכל הפחות בשעת

דו האסט געזאגט "הנני" צו מוסף האסטו געוויינט ווייל דו ביסט ניט נעבען רביין שליט"א! מסתם יע, אבער אויב ניט - ביסטו ווערט איך ווייס ניט וואס, דו ביסט ניט געווען דא ערב יום כיפור, ביסטו שוין פאר-דאסיט, מיט דעם ביסטו א "כופר בעיקר", דו גלויבסט ניט אז דער אויבערשטער קען דיר געבען אן אנדער וועג אויף פרנסה, נאר דורך חזנות, דארפסטו זעהן בעטען פאר נאך א וועג, אזוי האט ער גערעדט מיט אים צוואנציק מינוט ביז ישראל איז געווארען זייער ערנסט און זיך שטארק צוגעהערט, ר' יצחק בכה בשעת הנגינה, וגם רקד עמנו, עד 4:30 a.m. בבוקר הוא צריך ללכת לשחוט.

בשעה 8:00 p.m. נכנס כ"ק אד"ש לסוכה הגדולה, עס איז געווען א גרויסער עולם, לא אמר מאמר דא"ח. וועגן דעם פארברענגען איז געשטאנען אין צייטונג. אלע האבן געזאגט לחיים, כ"ק אד"ש דיבר ווי עס דארף זיין דער אופן הלימוד, עס זיינען געווען Microphones. כ"ק אד"ש לקח הרבה משקה, ודיבר על ענין של "ניסוך המים" וגם "שמחת בית השואבה" ווי דאס איז שייך צו אלעמען.

שפעטער צום סוף האבען אלע געשטאנען אין א סדר און דער רבי שליט"א האט געטיילט משקה. באזונדער צו מיר אמר כ"ק אד"ש: "לחיים ולברכה, דו זאלסט האבן נחת פון די ברידער און נחת פון זיך". הרב חדקוב האט מיר געזאגט אז איך זאל אויך נעמען פאר מענדל גרינבוים, בין איך נאכאמאל געגאנגען, ואמרתי: פאר מענדל גרינבוים, אמר כ"ק אד"ש: "ער הייסט דאך צבי מנחם, לחיים ולברכה".

די ליכט פון סוכה זיינען ארויס אפאר מאל, און עס איז געווען אינגאנצען פינסטער, האב איך אריינגעטראגען א ליכט, בסוף נתן כ"ק אד"ש ברכה, געזונגען און געטאנצט עד שנכנס כ"ק אד"ש לחדרו, אח"כ האבען געטאנצט דריי ריקודים, איינע פאר דער רבי שליט"א'ס טיהר, איינע אין קארידאר, און איינע אין שוהל, מיט "כי בשמחה", אח"כ כ"ק אד"ש אכל בשעה 2:00 a.m. בסוכה שלו.

ר' יחזקאל מרוסיא האט געטרונקען, און געשטופט, און אויסערגעוויינליך געטאנצט ביז עס איז איהם געווארען ניט גוט ווייל ער האט א שוואך הארץ, הושיבו אותו על הספסל שעמדה לפני הסוכה של כ"ק אד"ש, ואמר כ"ק אד"ש: "מען זאל רופען א דאקטער", בין איך און שלום מאראזאוו געגאנגען רופען דר. זעליגסאן, ובא, און אלץ איז שוין געווען אין ארדענונג, כ"ק אד"ש דיבר איתו, ואמר: "מען זאל אים ברענגען אויבן, אים געבן א קאלדרע [און] איינע אדער צוויי קישען", בשעה 4:00 a.m. בא כ"ק אד"ש לראות וואס ער מאכט, ואמר: "ער זאל זיך אפרוען צוויי אדער דריי שעה". בשעת מעשה איז ר' יוסף וויינבערג געלעגן על השולחן אין גרויסער בית המדרש.

**יום ה', י"ח תשרי, ב' חול המועד סוכות ה'תשי"ב**

מנחה התפללתי במנין של כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בשובי לישיבה התוועדו התלמידים, ויואל כהן חזר השיחה של כ"ק אדמו"ר שליט"א בלילה העבר, עס וייזט אויס אז ר' משה לייב ראטשטיין האט עס גענומען אויף זיין Recording Machine, ווייל אלץ איז געווען כמעט פונקטליך.

**ועש"ק י"ט תשרי, ג' דחול המועד סוכות ה'תשי"ב**

פאר שבת האט מען פארגעסן אנצינדען די עלעקטריק אויבן אין סוכה [על מרפסת דירת אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע], דערפאר האט בערל יוניק אלץ צוגעגרייט אין גרויסן סוכה למטה, ושם אכלו כ"ק אדמו"ר שליט"א, הרש"ג, ר' שמואל, ד"ר זעליגסאהן, ר' כץ, ר' משה

גוראריי, בערל יוניק, ושלמה קירש (תלמיד מאפריקא), בערל האט מיר געבעטן אים העלפן און מיר מצרף געווען צום טיש, ומפני כמה טעמים האב איך זיך אפגעזאגט, אבער איך האב ארויסגעהאלפען ארונטערברענגען די בענק, געזען די אלטע רעבעצין און דער רעבעצין [חיי מושקא זי״ע].

**כ׳ תשרי, שבת חול המועד סוכות, ה׳תשי״ב**

כל התפילות התפללתי עם כ״ק אדמו״ר שליט״א. ביום אכלו בסוכה למעלה. מנחה ומעריב עם כ״ק אדמו״ר שליט״א. הלילה הוא ״הושענא רבה״, ואחר סיום חומש דברים התחלנו לאמר תהילים עם כ״ק אדמו״ר שליט״א בחצות עד שעה שתים, אח״כ למדתי לקוטי תורה עם שלום חסקינד דרושים להושענא רבה, והלכתי עם כל התלמידים למקוה, אמרתי קריאת שמע והלכתי לישון. בבוקר בשעה 9:00 קמתי, הקניי של ״הושענות״ איז געווען א געשעפט פון די תלמידים פון די יונגערע יארען, פארקויפט האבן זיי פאר 75¢ אדער $1.00 א ״הושענא״.

**יום א׳, כ״א תשרי, הושענא רבה, וליל שמע״צ ה׳תשי״ב**

בבקר התפללתי עם מנין של כ״ק אדמו״ר שליט״א, וראיתי ווי כ״ק אד״ש קלאפט די ״הושענות״: אויף די קרקע, אהן קיין שינוי, אבער שפעטער האלט כ״ק אד״ש די הושענא, און ווארפט עס ניט אויף דער ארון.

בלילה הוא שמיני עצרת, גלייך נאך מנחה איז ארויס דער קול אז אלע זאלען געהן לרקוד ולשמח בהבתי כנסיות, הלכתי עם שאר תלמידים ל״יאנג איזראעל״, אבל בלילה הזה המנהג שלהם איז ניט צו האבען הקפות, אבל ב״חובבי תורה״ האבען זיי יע, גלייך נאך קידוש האבען זיי געמאכט די הקפות, זייער א קליינע עולם פון די וואס האבען געדאוועט מעריב זיינען איבערגעבליבען, דער רב און חזן זיינען אבער געווען, מיט דער פרעזידענט. ביסטריצקי, א. מינץ, אלעניק, און פיהל יונגע חברה זיינען געווען און האבן געמאכט לעבעדיק, האחים בעלגרעד זיינען אויך געווען און האבן געהאלפען.

אין פריערדיגע יארן איז דער נאכט פארגעקומען ביי רש״ג א מקצת סעודה און ער פלעגט ריידן זיינע חסידות, אבער היי יאר איז אין סוכה אונטען געווען א פארברענגען, עס האט פשוט ניט מספיק געווען די משקה, דוד ראסקין האט געשפארט פאר די גרויסע פארברענגען מיטן רביין שליט״א, ועשה קידוש על יין, הבחור בערל אלעניק האט גענומען פיל משקה און מיר אנגעכאפט, און געטאנצט, און געקושט, און מיר אויך געגעבן משקה, זיין פשטות האט מיר אביסל דערנומען.

הרב בערל בוימגארטען און יחזקאל ראט האבן גענומען ביידע משקה, בערל האט גערעדט מיט יחזקאל וועגן ״התקשרות״, און יחזקאל האט געשריען שטות, שפעטער איז הרב שמואל לעוויטין געקומען, און האט געמאכט קידוש און זיך געזעצט זאגען א פאר ווערטער, ר׳ מ.ל. ראטשטיין האט אים געגעבן משקה א פולע גלאז, און ער האט דאס געטרונקען. זעענדיק אז אפילו אלה אשר עמדו בלי ציור מן החומר שלהם - שתה הרבה משקה ואמר, מען פלעגט זיך פירען אז שמיני עצרת און שמחת תורה פלעגען ניט אלע נעמען משקה.

הלכנו אחר זמן מועט לבית המדרש הגדול ועשינו הקפות, בלילה הזה כ״ק אדמו״ר שליט״א אמר ה״אתה הראת״. דער נאכט פארקויפט מען ניט די פסוקים, האט דער רבי שליט״א געזאגט די פסוקים און געפראוועט הקפות, אחר כך האט דער רבי שליט״א אויך געזאגט וועלכע זאלן זאגן פסוקים, אזוי ווי די כהנים, לוויים, וכדומה, די פון אויסערשטאט.

צו הקפות איז דער רבי שליט"א געשטאנען אויף זיין ארט און האט זייער געטאנצט – חוץ די ערשטע מאהל און לעצטער הקפה, און די צוויי מאהל וואס ער האט געטאנצט מיט ר' שמואל און דער רש"ג, עס איז געווען מורא'דיק הייס, און די פענסטער זיינען געווען פארשטעלט מיט מענטשן, האט מען געמאכט ליידיק א גלייכע שורה צום פענסטער כדי לופט זאל קומען צום רביין שליט"א, כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געטאנצט זייער שטארק צו הקפות און אויך געמאכט מיט ידיו הק' לעבעדיק און געזונגען, דאס האט געמאכט אלעמען אזוי.

מען האט געטאנצט ביז 1:30, די דריי פון "שעכטער סעמינאר" האבען דאס זייער געגליכען, איינעם האב איך גענומען צו זיך שלאפען. אמי תחי' ומרים תחי' באו לביהכ"נ לראות שמחת יום טוב. אמי תחי' לקחה אשה זקנה - אשתו של ר' מענדל קונין - לביתינו לישון, וגם לאכול במשך היום טוב.

**יום ב' פ' בראשית, שמיני עצרת ה'תשי"ב**

בבוקר כמו במשך כל היום טוב התפללתי שחרית ומוסף עם כ"ק אדמו"ר שליט"א, אכלתי בביתי, אחר האכילה חזרתי לישיבה ולסוכה הגדולה, שם באו ככל שנה ילדים וילדות לכבוד יום טוב, ולשמוע סיפורים ולשיר שירים, אבל בשנה זו הרב יעקב העכט אמר לכ"ק אדמו"ר שליט"א שאינו יכול [לסדר] את ה"עונג" הזה, כי כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר שאם ה"עונג" דעם יאר וועט זיין ווי לעצטע יאר איז בעסער ניט צו האבן איינע. איבער פערציג קינדער זיינען געקומען, און איין מוטער האט געבראכט איהר טאכטער אין א וויגאלע ווייל זי איז א חסר כח ההילוך ר"ל ברגל אחת, [איך האב] זיי דערציילט א מעשה, געזונגען מיט זיי לידער, געפרעגט זיי קשיות, געגעבן זיי פינאטס וועלכע איין מיידעלע האט געבראכט, די דריי "שעכטער" תלמידים האבן מיר געהאלפן, און אויך אסתר סימפסאהן (די טאכטער פון הרב סימפסאהן) האט מיר געהאלפען טאנצען מיט די מיידעלאך בשעת איך האב געטאנצט מיט די אינגעלאך, אזוי איז געגאנגען ביז נאך פינף אזייגער, און איך האב זיך געזעגנט מיט די קינדער.

התפללתי מנחה, אח"כ האבן זיי אונז געשיקט צו "ישיבה דקראון הייטס", צען חברה, צווישען אונז, היו תלמידים מ"שעכטער", דארט האבן זיי געהאלטען דרשות, איינער האט געמאכט א פלפול אויף דער רמב"ם, איינער האט גלאט גערעדט, און איינער האט גערעדט אויף ארץ ישראל ווי עס זעט אויס די מעלות, מיר זיינען געווארן זייער מיד נאך א ביסעל צייט, און צוריק געגייענגען צו ישיבה. התפללנו מעריב, ובסוכה ישב כ"ק אדמו"ר שליט"א והתוועד עם כל הקהל, עס איז געווען זייער געפאקט, ר' שמואל לעוויטין שטייט כסדר ביי דער רעכטער וואנט צום סוף און הערט זיך צו.

**ליל שמחת תורה ה'תשי"ב**

ביי דעם פארברענגען דיבר כ"ק אדמו"ר שליט"א וועגן דער ענין פון שמחת תורה און ריקודים, אבל לא אמר דא"ח, פעם אחת עמד כ"ק אדמו"ר שליט"א ורקד במקומו, הרב שמרי' גורארי' מארץ ישראל עמד על השולחן ורקד בעצמו, שתה הרבה, כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר: "מען מאכט אים פאר א מציאות!", כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן "לחיים" צו פיהל פרעמדע. שמעתי אז דער כוס פון וואס דער רבי שליט"א האט געטרונקען האט ער געבעטן אז מען זאהל דאס ניט נעמען פון צווייטען פלאר. כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געפרעגט אויב אלע זיינען צוריק פון די שוהלען.

אחר ההתוועדות, עלה לבית המדרש להקפות, כמו בכל שנה באו הרבה אנשים גם מעיירות רחוקות לראות את הנהגת החסידים בשמחת תורה, הר' דובער חסקינד התחיל לקרוא את שמות התורמים, כי המעות בלילה הזה יתנו לישיבה, כ"ק אדמו"ר שליט"א קנה את הפסוק הראשון ואמר.

ר' פנחס כ"ץ האט געהאלפען אויסרופען, מען האט געגעבן צו צעהן מאל ח"י און ווייניקער, מען האט געגעבן פסוקים צו די וועלכע דער רבי שליט"א האט געזאגט מען זאל געבען, און די ערשטע און לעצטע פסוק האט כ"ק אדמו"ר שליט"א געזאגט פון יעדער אתה הראת, דערנאך האט מען געמאכט די זיבן הקפות, והראשון והאחרון איז דער רבי שליט"א געגאנגען.

אזוי ווי לעצטע נאכט - האט דער רבי שליט"א געטאנצט אויף זיין ארט נעבען זיין שטענדער, וועלכע איז שוין געווען צובראכען.

אחר הקפות, בשעה 1:45 a.m. האט מען נאך געטאנצט, און ארייננעשלעפט פרעמדע ווי דער מנהג איז, און כ"ק אדמו"ר שליט"א איז ווידער אריין און האט געזאגט: "מען וועט נאך אמאל פראווען הקפות און אתה הראת", ר' נחום שקליאר איז געשטאנען אויף די מיטעל בימה און אויסגערופען די נעמען וועלכער דער רבי שליט"א האט אים געזאגט, צו אנדערע האט דער רבי שליט"א געזאגט אז "זיי זאגן עס ניט בשמחה" און צו אפאר אז "זיי זאלען עס זאגן דריי מאל - הויך און פריילאד", אח"כ היו הקפות.

דעם מאל איז דער [רבי שליט"א] אליין געגאנגען דער ערשטער מאל, און צו יעדער מאל געגאנגען באגעגענען די ספר תורות וועלכע קומען ארום דער בימה, דער ערשטער ספר תורה האט דער רבי שליט"א אנגעכאפט און האט געטאנצט, על פי רוב אויף איין ארט אבער אמאל האט ער זיך ארומגעדרייט, קוקענדיק אויף דער רבי שליט"איס פיס ראיתי אז ער הייבט זיי, און דאס קאסט כוחות, פניו הק' של כ"ק אדמו"ר שליט"א זיינען געווען זייער רויט, אבער ער האט געזאגט אז יעדערער זאל האבען איין הקפה, לקחתי השני ונשאתי את הספר תורה של כ"ק אדמו"ר שליט"א, א קליינער.

בשעת דער רבי שליט"א טאנצט קוקט ער אויף יעדער איינער, מען היט זיך ניט צו אנרירען דער רבי שליט"א. פרעמדע האט דער רבי שליט"א ארומגענומען און געטאנצט (מיט איין האנט). יעדערער האט געהאט איין הקפה (דער זעקסטער הקפה איז מען געגאנגען פיל מאל), און דער רבי שליט"א האט צום סוף זייער געטאנצט, ער האט ארויסגערופען מר. ריינער (ידיד שלי) און געטאנצט מיט אים.

אח"כ עמד כ"ק אדמו"ר שליט"א אויף א בענקל אין מיטן בית המדרש נעבען בימה, און האט געבעטן: "עס זאל זיין סדר דא", און האט געגעבן אלעמען זאגען "לחיים", לקחתי מיד קדשו של כ"ק אדמו"ר שליט"א ואמרתי "לחיים", צו בעגון פון בראזיל אמר אז ער זאל זאגען ["לחיים"] פאר זיין פאטער, האט ער געזאגט אז יעצט זאגט ער ווייל ער האט שוין גענומען איין מאל, "אויב אזוי" - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א "ביסטו א קלוגער בחור". אח"כ אמר: "דער רבי האט געזאגט אז היינט ביינאכט דארף מען מעביר זיין דער סדרה "ברכה", אדער מארגן אינדערפרי", ובירך אותנו, והלך.

דברתי עם מר. ריינער, ושאל אותי: "מדוע קרא כ"ק אד"ש אותי ורקד איתי?, איך האב טאקע געטראכט בשעת מעשה וועגן דער רבי שליט"א".

ראיתי כי כ"ק אד"ש הלך לביתו. עברתי הסדרה, ובשעה 3:45 הלכתי לישון.

**יום ג' פ' בראשית, שמחת תורה ה'תשי"ב**

בשעת מען האט פארקויפט די פסוקים פון אתה הראת פאר דער "מרכז לעניני חינוך", האט מען פארקויפט עטליכע מאל די פסוקים, און צום לעצטען מאל דער לעצטער פסוק האבן זייער פיל געקויפט פאר דער רבי שליט"א. "חתן תורה" האט מען פארקויפט ר' שמואל לעוויטין, און "חתן בראשית" כמנהגינו לקח כ"ק אדמו"ר שליט"א, בשעת ר' יוחנן גארדאן אמר "יעמוד", הנה, באמצע ובסוף אמר את השם של כ"ק אדמו"ר, ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א בשמותיו הק' שלו, אזוי האט דער רבי שליט"א געבעטן הרב חדקוב צו זאגען ר' יוחנן גארדאן, ר' יוחנן האט אויסגערופען די נעמען אין א וויינענדיקע שטימע און אזוי איז געגאנגען דער גאנצע "הקדמה" (ר' שמואל בתחילה האט געטראכט אז דאס איז א טעות, אבער מען האט אים געזאגט).

בשעת הברכות לקח כ"ק אד"ש את ה"עץ חיים" עם הטלית שלו, כי בכל שבת ובחול לוקח עם ידיו הק', אחר כך האט ר' מענדל קונין געהאט מפטיר, ותפילת מוסף. אכלנו, ואח"כ התפללנו מנחה.

אחר מנחה התוועדות עם כ"ק אד"ש, בהסוכה אויבען האט מען אוועקגענומען דער סכך איבער דער ארט פון כ"ק אד"ש, דא איז מער לופט, און מער מענטשן קענען אריין.

בשיחה הראשונה אמר כ"ק אד"ש מאמר דא"ח ד"ה להבין ענין שמחת תורה, געגעבן "לחיים" צו "כתות", בתחילה אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א, מען זאל געבן "כלל-טוערס" און רבנים, אחר כך שוחטים, "בעלי עסקים", און תלמידים פון אלע ישיבות, צו יעדער סוג טוער האט ער גערעדט א רייד וואס האט א שייכות צו זיי, צו די תלמידים האט ער געזאגט אז מיר זאלען ניט נעמען די משקה פון בעלי עסקים אדער יונגעלייט ווייל זיי קענען אונז פארפירען, נאר פון די משפיעים, און גערעדט א רייד, אויך צו די וואס טוען אין חינוך, און דא האב איך גענומען.

כ"ק אד"ש נתן באטלאך פאר די וואס גייען ארום צו אנדערע שטעט, און צו די וואס קומען פון אויסערשטאט, און צו ר' שמרי' גוראריי מאה"ק נתן שלוש באטלאך משקה, און האט געזאגט אז נאך יום טוב קען מען אויך האבען די גילויים פון יום טוב, נתן לר' סימפסאהן "כוס של ברכה" צו צוטיילען, גם ניגנו דער אלטער רבי'ס ניגון 8 אדער 9 מאל, אח"כ מעריב בסוכה והבדלה. "ויעקב הלך לדרכו".

**ש"פ בראשית, מבה"ח מרחשון ה'תשי"ב**

לההתוועדות הי' האולם מלא, ואמר דא"ח אשר התחיל "ויקח הוי' אלוקים את האדם". אחר ההתוועדות ניגנו "כי בשמחה תצאו" עם כ"ק אדמו"ר שליט"א, ובאמצע הניגון הזה, עמד על מקומו ורקד כדרכו, אח"כ חזרנו את השיחות.

זקניו של חתן הבר מצוה בעת שמחת ה"אפשערעניש" שלו. מימין הרה"ח ר' יהודה חיטריק שי'
ומשמאל הרה"ח ר' אלי' ארי' לייב ע"ה גראסס



בעת ה"אפשערעניש" של חתן הבר מצוה.
מימין לשמאל: סבו הרה"ח ר' אהרן שי' חיטריק, סבו הרה"ח ר' אלי' ארי' לייב ע"ה גראסס,
ויבלח"ט סבו הרה"ח ר' יהודה שי' חיטריק.

